ווי מער ער האט אנערקענט און זיך געגעבן די ריכטיגע פלאץ צו פילן וואס ער פילט און בלייבן מיטן געפיל – נישט אנטלויפן דערפון, נישט זיך פארהוילן פון זיי און אפילו נישט פרובירן דאס צו מסביר זיין, נאר פשוט פילן וואס ער פילט – אלץ מער איז זיין לעבן געווארן בעסער און רואיגער, און ער האט דאס אנגעהויבן צו קענען אדורכ-טראגן

# די קורצטערמיניגע סוקסעס

אט די דערמאנטע ארבעט און וועג פון טראכטן, צוזאמען מיט אנדערע געדאנקען און מהלכים וועלכע מיר האבן אין אים אריינגעלייגט בס"ד, האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין שטארק בייהילפיג אין די ריכטיגע מינוט, אין א צייט ווען די ענקזייעטי און זארג האט אים באפאלן, און עס האט אים געהאלפן זיך צו פארמעסטן מיט זיינע מחשבות.

טראץ וואס עס האט אים שטארק געהאלפן, איז דאס אבער געווען גאר א שווערע ארבעט יעדעס מאל באזונדער, וויבאלד ער האט געדארפט ארייַנלייגן אסאך ענערגיע צו בארואיגן זיינע מחשבות, און צומאל האט דאס געהאלפן נאר קורצטערמיניג, איז די זארג צוריקגעקומען א קורצע צייט שפעטער. אין שווערערע פעלער, ווען די באזארגנדע געדאנקען איז געווען אויף א הויכע שטאפל, האט זיך געקענט מאכן אז די נייע וועג האט אים נישט געקענט העלפן אפילו אויף קורצטערמיניג.

אונז האבן ווי פארשטענדליך געטון וואס מיר האבן געקענט צו העלפן משה'ן, מיר האבן גענוצט פארשידענע ארבעט-געצייג צו מאכן זאכן בעסער, און מיר האבן בס"ד געהאט א געוויסע סוקסעס מיט משה. אבער דאך, האט מען נישט געקענט זאגן אז משה איז א געהאלפענער, ער האט נאכאלץ געליטן פון די שווערע ענקזייעטי געדאנקען און ער האט געברויכט ארבעטן זייער שווער דאס בייצוקומען.

# די פלוצלינגדיגע קלארקייט

איין טאג, איז משה געקומען צו מיר פאר א סעסיע, און האט ווי געווענליך פארציילט איבער די פארגאנגענע וואך. צווישן אנדערע האט ער אנגעהויבן רעדן איבער איינע פון די מאלן וואס ער האט געפילט זייער באזארגט די וואך. די זארג איז געווען אזוי שטארק, אז איך האב באמערקט אז איך קען יעצט פילן די שווערע געפילן וואס ער האט דאן געפילט, ווי עס שוועבט יעצט אין צימער ווען ער דערציילט עס איבער.

"ווי אזוי פילסטו?" האב איך אים געגעבן א פרעג אינמיטן זיין שילדערונג.

"איך האב געפילט זייער באזארגט. איך האב זיך געזארגט אז..."

"ניין, ניין," האב איך אים איבערגעהאקט. "ווי אזוי פילסטו יעצט?"

"איך ווייס נישט."

"דו פילסט עפעס," האב איך געזאגט. "אפילו איך קען עפעס פילן. פרוביר משה - אויב דו קענסט – זיך צו לאזן פילן וואס דו פילסט יעצט."

משה האט געטראכט אביסל, אבער די 'איך ווייס נישט' ענטפער האט זיך אין די ענדע איבערגע'חזר'ט.

"וואס טוט זיך מיט דיין גוף?" האב איך באשלאסן צו גיין פון דעם ריכטונג. "פילסטו עפעס אויסערארדנטליך אין דיין גוף?"

דא האט משה אנגעהויבן צו פארציילן אז ער פילט ווי זיין מאגן איבלט אים און די קישקעס דרייען זיך. אבער דאן האט ער זיך געוואלט דערווייטערן דערפון און עס נישט פילן.

איך האב אים אבער געשטארקט און צוגערעדט ער זאל בלייבן מיט דעם פילינג, אויב ער קען.

# די שטארקייט פון פילן די געפילן

משה האט מסכים געווען דאס צו טון, ער האט נישט אוועקגעשטופט דעם פילינג פון זיינע בויך-דרייעניש, און ווי טיפער די סעסיע איז געגאנגען, איז ער געווארן מער און מער באוואוסטזיניג צום דאזיגן פילינג, און ער האט אפילו מצליח געווען דאס מער צו אראפמאכן.

ער האט אויך אנגעהויבן צו כאפן ווי ווייט ער האט געזוכט דערפון צו אנטלויפן, און קיינמאל נישט געוואלט

אט די דערמאנטע ארבעט און וועג פון טראכטן, צוזאמען מיט אנדערע געדאנקען און מהלכים וועלכע מיר האבן אין אים אריין-געלייגט בס"ד, האט זיך ארויס-געשטעלט צו זיין שטארק בייהילפיג אין די ריכטיגע מינוט, אין א צייט ווען די ענקזייעטי און זארג האט אים באפאלן, און עס האט אים געהאלפן זיך צו פארמעסטן מיט זיינע מחשבות

## משה'ס לאנגיעריגע קאמף

מיר טוען דא איבערגעבן דאס ווארט פארן טעראפיסט הר"ר דניאל גלאס, וואס ביי אים איז די מעשה געווען, און ער וועט אונז שילדערן דאס גאנצע געשיכטע וויאזוי דאס האט זיך אפגעשפילט, און אונז ברענגען די ריכטיגע דברים כהווייתן.

עס איז געווען מיט א צייט צוריק, ווען א איד אין די מיטעלע 40'ער יארן – וועם מיר וועלן דא רופן משה – האט ביי מיר באשטעלט אן אפוינטמענט, ווענדיג זיך קומען היילן אויף געוויסע מענטעל העלט שוועריגקייטן וועלכע האבן אים געפלאגט.

אריינקומענדיג צום ערשטן סעסיע, האט ער אנגעפאנגען פארציילן איבער זיין לעבן און די שוועריגקייטן וועלכע לויפן אים שוין נאך זייט אלץ קינד.

אלץ יונג קינד איז משה'לע שטענדיג געווען פאר'דאגה'ט און פיל מיט ענקזייעטי. ער פלעגט ליגן ביינאכט אין בעט און זיך זארגן אויף וואס עס איז אים נאר אונטערגעקומען. ער האט זיך געזארגט צי זיינע חברים גייען בלייבן נאנט מיט אים, צי ער גייט וואקסן אדער וועט ער בלייבן נידריג א.א.וו.. דאס האט ממשיך געווען אין די בחור'ישע יארן, ווען מוישי מיט ענקזייעטי זענען צוויי חברים וואס קענען זיך נישט שיידן.

ווי פארשטענדליך האט משה'לע/מוישי פרובירט כסדר אוועקצושטופן אט די דערקוטשנדע מחשבות און געדאנקען, אבער אן קיין ערפאלג; עס האט אויסגעזען ווי די דאגה איז דא צו בלייבן און האלט נישט ביים גיין אין ערגעץ. די זארגן האבן זיך אויסגעשפרייט אויך צו די בייטאג שטונדן, און דאס האט אים זייער שטארק געשטערט צו פאקוסירן אויף וויכטיגע זאכן. גאר אפט האט ער געפילט ווי ער קען נישט דאווענען /לערנען / פארברענגען וכו', צוליב די שווערע ענקזייעטי.

די דאזיגע ערשיינונג האט זיך נישט אפגעשטעלט אויך ווען משה האט שוין חתונה געהאט. יא, ער האט שוין געהאט א ווייב און קינדער, ער האט געהאט א פיינעם דזשאב, אבער קיין לעבן האט ער נישט געהאט, די דאגות און זארגענישן האט אים צוגערויבט יעדעס ביסל מנוחה, און האט אים באגלייט 24 שעה א טאג.

אין לויף פון די פארלאפענע יארן איז משה געווען עטליכע מאל פאר קורצע טעראפי-סעסיעס ביי געוויסע מומחים, ער האט אויך גענומען א נידעריגע דאזע פון ענקזייעטי-מעדיקעישאן, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן קיין סאך, ר' משה האט שוין אנגעפאנגען חתונה מאכן קינדער און די דאגות נעסטיגן נאכאלץ אין אים.

אין אט דעם שטאפל איז ר' משה אנגעקומען צו מיר, בעטנדיג איך זאל אים העלפן איבערקומען די שוועריגקייטן.

## די טראדיציאנאלע צוגאנג

ווי פארשטענדליך האבן מיר זיך אריינגעלייגט אינעם ענין, צו זען וויאזוי מען קען ארויסהעלפן משה אין זיין מצב. די ערשטע זאך איז, צו פארשטיין זיין לעבן, זען וואס איז אויף אים אריבער, און פרובירן צו טרעפן דעם עק פאדעם, וואס ס'קען זיין אז יענע עק שלעפט נאך מיט זיך דאס גאנצן פעקל.

איין חלק פון זיין לעבנ'ס געשיכטע וואס האט זייער ארויסגעשטארצט, איז געווען דער פאקט, אז אלץ קינד האט זיין משפחה זיך זייער אפט געצויגן דירות. מיר האבן אנגעהויבן צוזאמען צו פארשטיין, אז דאס איז געווען עפעס וואס האט אים אסאך באזארגט, און האט אים גאנץ מעגליך איבערגעלאזט מיט א געפיל פון 'אומוויסנדיגקייט', נישט וויסנדיג אויף וואס ער קען זיך פארלאזן, און ער האט שטענדיג געהאט אין זיך א געפיל אז זאכן קענען זיך כסדר טוישן.

מיר האבן אנגעפאנגען צו ארבעטן אויף דעם. מיר האבן פאקוסירט אויף זיינע מחשבות און געזען וויאזוי מען קען דאס טוישן. לדוגמא, איינע פון זיינע שווערע מחשבות איז אייביג געווען דאס זיך זארגן איבער זיין זארגן... ער פלעגט טראכטן: 'פארוואס בין איך שטענדיג אזוי באזארגט? ס'דאך נישט נארמאל!' מיר האבן אים אויסגעלערנט צו טראכטן ריכטיג, און אריינגעגאנגען אין די טיפקייט פונעם מח, צו זען פון וואו די מחשבות קומען און וואס איז די לעזונג דערצו.

זינט דאן, יעדעס מאל וואס עס איז אים ארויפגעקומען אט דער מחשבה, האט ער זיך אליינס געענטפערט: 'אפשר האב איך ענקזייעטי צוליב מיינע באזארגנדע איבערלעבענישן, דאס אז אלץ קינד האב איך קיינמאל נישט געהאט א צימער וואס כ'האב געקענט זאגן אז 'דאס איז מיין צימער', איך האב נישט געהאט מיין פריוואטקייט און אייגענע הויז וויבאלד מען האט כסדר געמופט, אפשר דאס האט געלאזט א סימן אויף מיר. דאס מאכט שוין סענס.'

מיר זענען אבער אוודאי נישט געבליבן ביי דעם. איינמאל ער האט שוין פארשטאנען און איז באקוועם געווען מיטן דערמאנטן געדאנק אז ער איז נישט שולדיג און עס איז א נארמאלע זאך, האבן מיר ממשיך געווען ווייטער, און זיכער געמאכט אז דאס זאל אים ברענגען צום קומענדיגן געדאנק, טארכטנדיג אז 'וויבאלד מיין ענקזייעטי קומט מעגליך פון יענע איבערלעבענישן פון אלץ קינד, דארף איך שוין יעצט זיך מער גארנישט זארגן. ב"ה די דעמאלטסדיגע מצב איז שוין אריבער, איך פארמאג שוין אן אייגענע הויז, איך האב א גוטן דזשאב, א פיינע משפחה א.א.וו.. דעריבער איז נישט דא קיין שום אנגעבליכע סיבה צו קלערן אז יענע טעג וועלן צוריקקומען און זאכן וועלן פלוצלינג אנהייבן גיין כאדראם. נא, אויב אזוי דארף איך זיך שוין מער נישט זארגן.'

# די וואונדערליכע קעגנזייטיגע מהלך

## וואס איז גאר א שטארקע מיטל צו מאכן א גרויסע טויש ביי אזעלכע וועלכע פלאגן זיך מיט שווערע מחשבות און געפילן



## אריינפיר:

די פעלד פון טעראפי איז זייער גרויס, עס לאזט זיך אפילו זאגן אז דאס איז גרעניצלאז, עס זענען פאראן זייער אסאך מהלכים און שיטות, וואס יעדע איינס איז אוודאי גוט און ריכטיג פאר זיך. די קונץ פון א גוטער טעראפיסט איז, צו צושטעלן פאר יעדן קליענט און פאר יעדן סיטואציע די ריכטיגע שניט און מהלך, וואס וועט אים/איר דאס מערסטע העלפן.

אינעם פאלגענדן ארטיקל ווערן מיר אייך באקאנט מאכן מיט איין ספעציפישן – גאר שטארקן – טעראפי מהלך, וואס אין ספעציפישע פעלער קען דאס זיין ווי א רעטונג'ס ברעט פאר דער וואס ברויך זיך היילן. דאס האט שוין געברענגט זעלטן גינסטיגע רעזולטאטן פאר אומצאליגע מענטשן וועלכע האבן זיך געפלאגט מיט גייסטישע פראבלעמען, און נאך וואס זייער טעראפיסט האט אנגעהויבן צו ארבעטן מיט זיי אויף אט דעם מהלך, זענען זייערע שוועריגקייטן דראסטיש פארמינערט געווארן.

מיר וועלן אייך דא ברענגען אן אמת'ע געשיכטע פון איינעם וועמען דער מהלך האט גאר שטארק געהאלפן, וואס דורכדעם וועט איר זיך באקענען מיטן מהלך און דאס פארשטיין. עס לאזט זיך זאגן, אז 'איין מעשה רעדט מער ווי טויזנט הסברים'... און נאכן ליינען דעם געשיכטע וועט איר בעז"ה ארויסהאבן דעם מהלך מיט א קלארקייט. ווי פארשטענדליך זענען מינדערוויכטיגע דעטאלן געטוישט געווארן כדי צו היטן אויף די פריוואטקייט פונעם בעל המעשה.

צו זיין אונטער'ן באוואוסטזיין, "אפשר בין איך גארנישט ווערד..." און דאס קען ח"ו ברענגען פון איין עבירה צו דער צווייטער.

ס'איז באקאנט דאס ווארט פון צדיקים אויף והסר שטן מלפנינו ומאחרינו, אז דער יצר הרע קומט צו א מענטש פארן זינדיגן אים איבערצורעדן עובר צו זיין אויף אן עבירה חלילה, און דערנאך קומט ער ווידער, אים אראפצוקלאפן ווי שוואך ער איז אז ער האט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון. דעריבער איז מען מתפלל אז דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן פון ביידע יצר הרע'ס - סיי פון פאר דער עבירה, און סיי פון נאכדעם, וויבאלד די עצבות געפילן פון נאך דער עבירה איז אויך גאר א שווערער נסיון, און דאס איז וואס דער יצר הרע וויל טאקע, ווי צדיקים האבן געזאגט אז עצבות אליין איז אפשר נישט קיין עבירה, אבער צו וואס עצבות קען צוברענגען, קען קיין שום עבירה נישט צוברענגען. ווייל ווען א מענטש איז בעצבות, ער פילט זיך אראפגעקלאפט און האט נישט קיין זעלבסט רעספעקט, דאן איז אים כמעט אוממעגליך צו טון מצוות ומעשים טובים.

חז"ל זאגן (משנה סנהדרין פ"ד מ"ה), כל אחד ואחד חייב לומר: בשבילי נברא העולם. דאס איז גאר א שטארקע לשון וואס חז"ל נוצן דא, די הייליגע חכמים זאגן אונז אז א מענטש איז 'מחויב' צו זאגן אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן נאר פאר מיר! דאס איז ח"ו נישט גאוה מיט וואס א מענטש זאל זיך גרויסהאלטן, נאר אן אחריות וואס א מענטש האט, צו טון זיין תפקיד אויף דער וועלט. יעדער מענטש האט זיך זיינע מעלות און כשרונות וואס ער דארף אויסנוצן צו דינען דעם רבוש"ע.

***פראקטישע עצה: גיבט אכטונג אויף אייער זעלבסט-רעספעקט און אנערקענונג, גיבט אייך א קאמפלימענט ווען איר טוט עפעס גוט, לערנט מיט אייערע קינדער זיך אליין צו רעספעקטירן, ווייל יעדער איד איז א חלק אלוק ממעל. ווי פארשטענדליך פארמייד אויך דאס פארשעמען אדער דערנידערן אנדערע, אדרבה, גיב קאמפלימענטן פאר אנדערע אז זיי זאלן אויך וויסן זייער חשיבות.***

## עררייכן דעם גרעסטן פאטענציאל

די העכסטע מדריגה צו וואס א מענטש קען צוקומען איז צו ווערן די בעסטע ווערסיע פון זיך אליין, צו זיין אין קאנטראל אויף זיך אליין און קענען באמת בוחר זיין בטוב.

ווען א מענטש האט אלעס, ער האט גענוג עסן און טרינקען, ער האט ב"ה קליידער אנצוטון ווי אויך האט ער זיין זיכערקייט, דאן קען ער פרעגן, "ווי אזוי קען איך וואקסן צו זיין א בעסערער מאן צו מיין פרוי אדער א בעסערער טאטע צו מיינע קינדער, און וויאזוי קען איך וואקסן צו זיין א בעסערער איד און א בעסערער עובד ה'?"

אבער אויב איינער איז ח"ו הונגעריג, אויסגעמוטשעטע און אראפגעקלאפט, ער פילט זיך ווערדלאז, דאן איז גאר שווער פאר אים זיך צו קאנצענטרירן צו דינען דעם רבוש"ע ווי ס'דארף צו זיין, וויבאלד עס זענען פארהאן צופיל לעכער וואו דער יצר הרע קען אריינקריכן און פארפירן דעם מענטש וועלכער האט נעבעך נישט די כוחות בייצושטיין נאכן זיין הונגעריג און פארמאטערט.

עס איז באקאנט וואס דער הייליגער רבי ר' זושא האט געזאגט, איבער'חזר'נדיג יעדן טאג דעם אני מאמין, האט ער זיך אויסגעדרוקט: "איי איך האב דאך שוין נעכטן אויך געזאגט דעם אני מאמין? אבער היינט גלייב איך באמת!" די געדאנק דערפון איז, אז יעדן טאג דארף א מענטש שטייגן און אנקומען צו העכערע מדריגות. עס ווערט טאקע געברענגט אין חסידישע ספרים, אז א מענטש דארף זען דערצו אז יעדן טאג זאל ער גיין א קליין טריט פאראויס אין זיין עבודת ה'.

***פראקטישע עצה: מאכט זיכער יעדן טאג צו וואקסן אביסל, זייט אייך מתבונן אין אייערע קוואליטעטן, און זעט צו ארבעטן יעדן טאג אויף די מדות און ארויסהעלפן אנדערע.***

## צום שלוס

די תמצית היוצא איז, אז א מענטש דארף פיל מער ווי בלויז עסן און שלאפן, א מענטש דארף אויך זיין רואיג און פארזיכערט צו קענען שטייגן. די תורה זאגט דאס אויך, נאר די תורה גייט מיט נאך א שטאפל ווייטער: "מיר זענען הייליגע נשמות מיט א שליחות! מיר זענען עבדים פארן אויבערשטן, און מיר דארפן זיכער מאכן אז מיר זענען אין א מצב וואס מיר קענען טאקע שטייגן מיט א רואיגקייט און דינען דעם אויבערשטן אן זייטיגע שטערונגען וואס נעמען אוועק דעם קאפ און מח פון עבודת ה'!"

די פיזישע געברויכן פון א מענטש ווי עסן און טרינקען ווערן דערהויבן דורכ'ן מאכן ברכות און בענטשן ערליך. די געפילישע געברויכן פון א מענטש ווי זיכערקייט, כבוד, זעלבסט-רעספעקט און אזוי ווייטער, ווערן דערהויבן צו השי"ת דורכ'ן אנערקענען דעריין און מיטן ארויסהעלפן אנדערע. דאס איז א טרעפל אויפן לייטער צו עבודת ה' יתברך.

די תורה בויט א לייטער אויף וואס א מענטש דארף זען ארויפצוקריכן - יעדער שריט אויף דעם לייטער ברענגט א מענטש נענטער צו ה' יתברך און העלפט אונז מענטשן צו טון וואס דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן טון.

דער נסיון פון א מענטש איז צו וואקסן און נישט בלייבן שטיין. ווען א מענטש בלייבט שטיין, עקזיסטירט ער טאקע - אבער ער לעבט נישט. מ'דארף זען צו לעבן, שטייגן און אנקומען צו דער העכסטער מדריגה פון ווערן די בעסטע ווערסיע פון זיך אליין, דורכ'ן טון מצוות און מעשים טובים. אט דאס הייסט געלעבט ווי א ריכטיגער איד.



**ווען ער נעמט אריין אין זיך אז ער איז א חלק אלוק ממעל, דאן פילט ער אין זיך א חשיבות, עס בויעט אויף זיין זעלבסט רעספעקט**

## זעלבסט-אנערקענונג

ווי דערמאנט איז זעלבסט-אנערקענונג און זיך פילן חשוב די קומענדיגע טרעפל וואס א מענטש דארף האבן צו קענען פונקציאנירן געהעריג. אנדעם קען א מענטש נישט זיין א גוטער מאן צו זיין פרוי אדער א גוטע פרוי צו איר מאן, מען קען נישט זיין א גוטער טאטע צו זיינע קינדער, און אפילו נישט א ריכטיגער עבד ה'.

תוספות (סוטה י.) זאגט, אז דערנידערן א מענטש איז איינע פון די הארבסטע עבירות (ער שטעלט זיך טאקע פארוואס ס'ווערט נישט אויסגערעכנט צווישן די הארבע עבירות), ווייל ווען א מענטש איז דערנידערט און פילט נישט ווי מ'איז אים מחשיב, קען מען נישט דינען דעם רבוש"ע, און דער וועלכער איז דאס גורם איז עובר אויף גאר א הארבער עבירה.

א מענטש איז א חלק אלוק ממעל! און מען מוז דאס וויסן און אנערקענען, דאס העלפט א מענטש צו אויספירן דעם רצון ה' און שטייגן העכער אין עבודת ה', און אויך קענען אנגיין מיט די אנדערע טאג-טעגליכע פעולות. ווען א איד פילט ווי ער איז בלויז איינער פון 8 ביליאן מענטשן אויף דער וועלט, אדער אפילו איינס פון 17 מיליאן אידישע קינדער, פילט ער נישט קיין שום חשיבות און עס איז אים זייער שווער אנצוגיין מיטן לעבן, נישט פארשטייענדיג פארוואס ער פעלט בכלל אויס דא אויף דער וועלט, און וואס איז אזוי וויכטיג פארן באשעפער זיין פשוט'ע עבודה. אבער ווען ער נעמט אריין אין זיך אז ער איז א חלק אלוק ממעל, דאן פילט ער אין זיך א חשיבות, עס בויעט אויף זיין זעלבסט רעספעקט, און אזוי ארום פארשטייט ער אז די עבודה וואס 'ער' קען געבן פארן באשעפער קען קיינער אין די וועלט אים נישט געבן, און אזוי ווייטער מיט יעדע פעולה זיינע, בין אדם למקום אדער בין אדם לחבירו.

חז"ל זאגן (אבות ד, ב): שכר מצוה - מצוה, שכר עבירה - עבירה. דאס איז נישט סתם א שכר, נאר ס'גייט פיל טיפער ווי דעם: ווען א מענטש טוט א מצוה פילט ער אז ער איז עפעס, ער זאגט צו זיין אונטער'ן באוואוסטזיין: "אויב האב איך געארבעט אויף מיר און אינוועסטירט צו טון א מצוה, דאן מוז זיין אז איך בין עפעס ווערד, און אויב איך בין עפעס ווערד, לוינט זיך מיר צו טון נאך א מצוה". און אזוי וואקסט א מענטש פון איין מצוה צו דער צווייטער, צו איין מדריגה העכער ווי דער צווייטער.

אזוי איז אבער אויך ח"ו פארקערט, ווען א מענטש פאלט אדורך און טוט אן עבירה חלילה, דאן זאגט ער



זאכן וואס א מענטש דארף האבן, און דאס איז פון די ערשטע און וויכטיגסטע טרעפלעך אויפן לייטער.

די תורה הקדושה לערנט אונז ווי שטארק א מענטש דארף אכטונג געבן און ח"ו נישט טון זאכן וואס קענען אים חלילה שעדיגן, ווי דער פסוק זאגט 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם' - אז מען דארף זיך זייער אפהיטן דאס גוף, די תורה הקדושה דרוקט זיך אויס מיטן ווארט מאד ארויסצוברענגען ווי וויכטיג דאס איז.

דאס איז אויך וואס אלע ספרים הקדושים רעדן איבער די געשמאקע געפיל פון איינער וואס האט אמת'ע בטחון, וואס אויסער די מצוה און חיוב דערפון, אז א מענטש מוז גלייבן און זיך פארזיכערן אין באשעפער, פארמאגט דאס אויך א פראקטישע בענעפיט, אז אזא איינער פילט זיך פארזיכערט און רואיג און לעבט א געשמאקע סטאבילע לעבן. דער חובת הלבבות אין שער הבטחון איז פיל מיט די סארט רייד, איבער די פארזיכערטע געפיל וואס א בעל בטחון האט, וואס גארנישט אין דער וועלט קען דאס צושטעלן.

אן זיכערקייט ווערט א מענטש ארומגענומען מיט אן אומזיכערן געפיל און דאגות, וואס ברענגט אז ער זאל נישט קענען דינען דעם רבוש"ע ווי ס'דארף צו זיין. ווידעראום ווען א מענטש פילט פארזיכערט, געבט דאס אים די שלות הנפש צו קענען דינען דעם אויבערשטן.

***פראקטישע עצה: מאכט זיכער אוועקצושטעלן אייער לעבן אויף א סטאבילע וועג. מאכט זיכער צו זיין אין א זיכערן געגנטווארט, זיך דרייען אין פארזיכערטע ערטער, און אכטונג געבן נישט צו טון זאכן וואס ברענגען ח"ו צו אומזיכערקייט. זיכערקייט ברענגט רואיגקייט צו קענען שטייגן.***

## ליבשאפט און באלאנגען

מענטשן דארפן אויך האבן א פארבינדונג מיט אנדערע, א שטייגער ווי פאמיליע, גוטע פריינט און א געפיל אז ער באלאנגט ערגעץ, ווי די תורה זאגט 'לא טוב היות האדם לבדו'. חתונה האבן און בויען א פאמיליע איז א פונדאמענטאלער יסוד אין אידישקייט, חז"ל איז פיל מיט מאמרים איבער די גרויסקייט פון חתונה האבן, ווי עס שטייט אין גמרא (יבמות ס"ב:) 'כל אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה בלא ברכה בלא טובה' און ווייטער ווערט דארטן אויסגערעכנט נאך זאכן, ווייל ווען מען האט חתונה, פילט מען א נאנטן קשר, מען פילט ווי איינער זארגט זיך פאר מיר, עס איז דא אהבה ואחוה ושלום ורעות.

ווי אויך ווארנט אונז די תורה 'ואהבת לרעך כמוך', וואס ווייזט ווי וויכטיג ס'איז פאר א מענטש זיך צו פילן באליבט, אזוי ווייט אז ר"ע האט געזאגט אויף דעם פסוק 'זה כלל גדול בתורה', ווייל כדי צו קענען שטייגן אויפן לייטער פון עבודת ה', מוז מען פילן באליבט, מען מוז וויסן אז עס איז דא איינער פאר וועמען עס גייט אן פון מיר און ער זארגט זיך פאר מיר.

אויך זאגט אונז די גמרא (סנהדרין כ"ז:), 'כל ישראל ערבים זה לזה', וואס ברענגט ווידער אמאל ארויס די נקודה, אז יעדער איד איז א חלק פון איין גרויסע משפחה, און ווען פאר איינעם גייט ח"ו נישט גוט דארף זיך יעדער זארגן פאר אים, און דאס מאכט אום פילן באליבט און אנגענומען.

פילן אז מען באלאנגט ערגעץ, אז מ'איז א חלק פון א סביבה, א חלק פון כלל ישראל, העלפט שטארק ארויס צו דינען דעם רבוש"ע. ס'געבט א געפיל וואס דאס מיינט א צווייטער, און ס'העלפט אונז באגרייפן ווי שטארק השי"ת האט אונז ליב.

***פראקטישע עצה: העלפט ארויס איינער דעם צווייטן, קניפט אן ווארעמע באציאונגען מיט פאמיליע און גוטע פריינט, און טאקע מיט אזעלכע וועלכע קענען אייך געבן דעם געפיל פון ליבשאפט און באלאנגונג. אזוי וועט איר סיי באקומען אייערע געברויכן, און איר וועט אויך קענען צוריקגעבן פאר זיי דעם זעלבן געפיל.***

# דער לייטער ארויף

אין דער וועלט איז פאראן א געדאנק, אז מענטשן וואקסן אין שטאפלען. דאס מיינט אז עס זענען פאראן מינימאלע געברויכן וואס א מענטש דארף האבן, איידער ער קען זיך קאנצענטרירן אויף גרעסערע זאכן, און הערשט נאך וואס ער פארמאגט יענע געברויכן, קען ער אנהייבן זיך קאנצענטרירן צו וואקסן, שטייגן און ווערן בעסער.

צום אלעם ערשט דארף א מענטש האבן עסן, טרינקען, שלאפן, קליידער און א דאך איבער'ן קאפ. דערנאך דארף א מענטש האבן זיכערקייט און שייכות מיט אנדערע, פילן ווי ער באלאנגט ערגעץ. איינמאל א מענטש האט די פשוט'ע געברויכן, דאן קען ער זיך ארייננטון און שטרעבן צו זעלבסט-אנערקענונג און וואוקס.

די הייליגע חז"ל, לערנען אונז אויף אן א שיעור פלעצער איבער אט די געברויכן פון א מענטש, און ווי פארשטענדליך קומען זיי אונז נישט סתם פארציילן איבער די געברויכן פון א מענטש, נאר זיי קומען אונז אויסלערנען וויאזוי די אלע געברויכן קענען אים העלפן שטייגן אין עבודת ה' און זיך דערנענטערן צום רבוש"ע.

עס איז באוואוסט וואס עס ווערט געברעגנט אין די ספרים הק', וויאזוי קען זיין אז די תורה זאגט צו אלע גוטע ברכות אויב מען וועט היטן די תורה, אונז ווייסן דאך אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא? ענטפערן זיי אז די אלע השפעות איז נישט קיין שכר אויפן מצוה, עס איז פשוט אן אמצעי צו קענען דינען דעם באשעפער, ווייל ווען איינער האט נישט זיינע מענטשליכע געברויכן ווי ס'דארף צו זיין קען ער נישט דינען דעם באשעפער, דעריבער אז איינער טוט די מצוות, וועט דער באשעפער זיכער מאכן אז ער פארמאגט אלעס וואס ער דארף, אים צו קענען ווייטער דינען.

אינעם קומענדיגן ארטיקל וועלן מיר אויסשמועסן יעדע פון די געברויכן, און מיר וועלן פרובירן ברענגען עטוואס פון די מאמרי חז"ל וואו מען זעט דעם געדאנק.

# פיזישע געברויכן

צום אלעם ערשט איז וויכטיג אז דער גוף זאל זיין געזונט, ווייל אנדעם קען מען דאך גארנישט טון. די מערסט פונדאמענטאלע געברויכן פארן גוף זענען עסן, טרינקען, קליידער אנצוטון, ווי אויך א דאך איבער'ן קאפ. אן די אלע זאכן קען זיך א מענטש נישט קאנצענטרירן אויף עפעס אנדערש, אפגערעדט פון וואקסן און שטייגן.

חז"ל לערנען דאס מיט אונז אין פארשידענע מקומות, ווי צום ביישפיל: א מאן איז פאראנטווארטליך צו שפייזן זיין פאמיליע, ווי אויך איז די מצוה פון צדקה און פארזארגן פאר ארימעלייט גאר חשוב און טייער. הונגער, מאטערניש אדער אומבאקוועמליכקייט איז א געוואלדיגע שטער און ס'מאכט אז א מענטש זאל נישט קענען דינען דעם אויבערשטן ווי ס'דארף צו זיין, וויבאלד ס'איז נישטא די ריכטיגע ישוב הדעת.

די תורה איז גאר שטארק מחשיב דאס עסן פון א מענטש און לערנט אונז וויאזוי אומצוגיין מיטן עסן, און אפילו דאס פשוט'ע עסן פון א איד ווערט דערהויבן ווען מ'מאכט ערליך ברכות, דאס דערהייבט דאס גאנצע עסן.

מ'זעט טאקע אין חז"ל (ב"מ קז:) די חשיבות און וויכטיגקייט פון פת שחרית, אז דאס ברענגט פארן מענטש דרייצן מעלות, צווישן זיי: ס'ראטעוועט פון קרענק און מזיקין, ס'מאכט קלוג, מ'איז זוכה צו לערנען און אויסלערנען תורה, זיינע רייד ווערן אויסגעהערט, ויש אומרים אז ס'נעמט אויך ארויס קנאה און ברענגט אריין אהבה אינעם מענטש.

ס'איז באקאנט וואס דער הייליגער קדושת ציון פון באבוב זי"ע האט אמאל געזאגט פאר א בחור וועלכער האט אים געזאגט אז ער האט שוין געענדיגט דאווענען אבער ער האלט נאך פאר פרישטאג, אז דאס דאווענען איז נישט פארטיג וויבאלד מ'האט נישט געגעסן און געבענטשט ברכת המזון, וויבאלד דאס עסן און בענטשן איז נאך א חלק פונעם דאווענען. בלויז ווען מ'האט געגעסן און געדאנקט דעם אויבערשטן אויפן עסן, הערשט דאן האט מען געענדיגט דאווענען.

דאן זענען פאראן נאך עטליכע פיזישע באדערפענישן וואס א מענטש דארף האבן איידער ער וויל אנהייבן ארבעטן אויף זיך און וואקסן, א שטייגער ווי א דאך איבער'ן קאפ, קליידער אנצוטון און געזונט.

דאס זענען אלע זאכן וואס כאטש זיי זעען אויס ווי פשוט'ע גשמיות'דיגע זאכן, זענען זיי אבער פונדאמענטאלע יסודות וואס זענען אין א בחינה פון דרך ארץ קדמה לתורה, וויבאלד אן די אלע זאכן האט מען נישט די מינימאלע ישוב הדעת צו קענען שטייגן ווייטער.

***פראקטיש עצה: געבט אכטונג אויף אייער געזונט, מאכט זיכער צו עסן, טרינקען, זיך אפרוען און אזוי ווייטער. א געזונטער גוף העלפט דעם מענטש שטייגן.***

# זיכערקייט געברויכן

איינמאל א מענטש איז מסודר מיט די וויכטיגע געברויכן, דארף א מענטש זיך פארזארגן מיט זיכערקייט און סטאביליטעט.

זיכערקייט איז אויך איינע פון די פונדאמענטאלע

סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה

# דער לייטער צו העכערקייט

## ליינט וויאזוי אונזערע פיזישע געברויכן זענען די אונטערשטע טרעפלעך פונעם לייטער וואס נעמט אונז ארויף צו שטייגן העכער און העכער אין עבודת ה'



יענקל שפאצירט אריין אין קאווע שטיבל און זעט ווי עטליכע אידן זענען פארמישט אין א העפטיגן דיסקוסיע.

"איך פארשטיי בכלל נישט דער היינטיגער דור!" שרייט חיים היציג. "אלע רעדן וועגן עמאציאנאלע געזונטהייט און טעראפי. פארוואס קענען מענטשן נישט זיין אביסל ערוואקסן, און פשוט אנגיין ווייטער מיטן לעבן?"

"פארוואס רעדט מען אזויפיל וועגן די געפילן פון א מענטש, כאילו דאס מאכט עפעס אויס," לייגט יוסל צו.

רבי ישעי' האט ארײנשפאצירט אין קאווע שטיבל און זיך צוגעהערט פונדערזייט, ווען מיטאמאל רופט ער זיך אן: "מ'קען נישט דינען דעם רבוש"ע ווי ס'דארף צו זיין אויב מען איגנארירט די געפילן. דאס איז אמת סיי בין אדם לחבירו און סיי בין אדם למקום. ווען די תורה זאגט ואהבת את ה', מיינט עס די געפילן דערפון, נישט בלויז די טרוקענע ווערטער - נאר פאקטיש ליב האבן דעם אויבערשטן, און דאס זעלבע איז נוגע אנבאלאנגט דעם ואהבת לרעך כמוך."

אט די געשפרעך אין קאווע שטיבל ברענגט ארויף גאר א וויכטיגער שמועס: ווי אזוי שטעלט מען צוזאם די מענטשליכע געברויכן און געפילן מיט עבודת ה'?

צוביסלעך קען מען אריינגיין טיפער און ברייטער. רעדן האט א מורא'דיגער כח, אז עס טוט מצמצם זיין א ריזיגע איבערלעבעניש, און עס טוט עס צוביסלעך אריינלייגן אין א געוויסע פארעם, וואס גיבט קלארקייט פאר די ליידנדע צו אנהייבן פארשטיין וואס ס'איז אריבער אויף אים.

מ'קען דאס אויסרעדן מיט נאנטע צי מיט א טעראפיסט, מ'הייבט אן רעדן פון וואס עס דרוקט, און צוביסלעך קען מען אנקומען צו פארשטיין פארוואס עס טוט אזוי וויי. די הויכע ווענט פון סטיגמע וואס האבן זיך געבויט, וועלן צוביסלעך ווערן נידריגער און לייכטער.

## מיטלען צו עפענען

מ'קען זיך באנוצן מיט פארשידענע מיטלען וואס זאלן העלפן דורכברעכן די דיקע געשאפענע ווענט.

שרייבן - ווען רעדן איז נאך זייער שווער, קען מען נוצן די פענע צו אנהייבן מאכן סדר אין מח, זיך זעצן צום פאפיר און אנהייבן פירקלען מחשבות און אינערליכע נאטיצן, וועט צוביסלעך אנהייבן בויען א בילד אין קאפ, וואס וועט ברענגען קלארקייט.

מיינדפולנעס - טרעפן מיטלען מיט וואס צו באוואויגן די מח און געפיל, דאס קען זיין כאפן א שפאציר צווישן גראז אוןביימער, עס קען זיין א ווינקל וואו מ'קען פראקטיצירן פארשידנארטיגע עקסערסייזעס, וואס טוען אפשטעלן די מח פון דאס געלויף, און טוט עס אריינלייגן אין פלאץ צו זיין הונדערט פראצענט דאה', און פרעזענט אין די הוה, און אזוי אנהייבן באגרייפן וואס עס גייט פאר מיט די אייגענע לעבן.

נעטווארקינג - טרעפן א צירקל וואו מ'קען רעדן מיט אזעלכע וואס זענען אריבער ענליכע מצבים, דאס וועט זיין א געוואלדיגער מהלך מיט וואס צו קענען אנהייבן שפירן אז מ'איז נישט איינער אליין, זעענדיג אז נאך אזויפיל זענען דאס אריבער, און צוביסלעך וועט מען קענען ארויסקומען פון די שעלטער אין וואס די נפש ליגט שוין אזויפיל יארן.

## שטארק זיך

דער עיקר איז, אז מ'זאל נישט האבן קיין טענות צו זיך אליין, זיך געבן צייט, און נישטווארטן אויף קיין רעזולטאטן פון היינט ביז מארגן. ווי אויך איז וויכטיג צו באקומען די געפיל אז מ'איז נישט אליין אין די מיטמאכעניש, אזויפיל אנדערע האבן דאס שוין מיטגעמאכט, און בעז"ה מיט די ריכטיגע הילף און געדולד וועט מען זיך קענען ארויסזען פון די אינערליכע נידערגעשלאגנקייט וואס האט זיך איינגעגעסן טיף אינערליך.

יעדע מיטמאכעניש איז אנדערש, און יעדע נפש איז אנדערש, יעדער האט זיך זיין אייגענער מהלך וויאזוי זאכן פירן זיך, און מיטן גיין טריט נאך טריט, וועט מען בס"ד אנקומען גאר ווייט. ביים אנהייבן עפענען דאס הארץ קאמערל מוז מען נאכגישט וויסן וויאזוי די ענדע פון די טונעל וועט אויסקוקן, בלויז מיטן אנהייבן שפאנען פאראויס וועט מען זיך צוביסלעך דערנענטערן צו די ליכטיגקייט.

מ'טאר נישט מורא האבן פון גיין זוכן הילף אין צייטן ווען מ'נויטיגט זיך דערין, אויב זעט מען אז מיטן שמועסן מיט די נאנטע רוקט מען זיך נישט ווייטער, זאל מען זיך פארבינדן מיט פראפעסיאנאלן וואס זאלן קענען אנצייגן די וועג ווייטער.

**דו ביסט קיינמאל נישט אליין.**





און נישט טרעפן מיט וועמען צו אויסרעדן די ביטער שווערע איבערגאנג.

אפילו אויף א פיזישע פארנעם וועט מען זייער אפט נישט באקומען קיין געהעריגע באהאנדלונג, אז מ'רעדט ווייניג וועלן די נאנטע אפילו נישט באגרייפן די שוועריגקייטן, און וועלן נישט אנבאטן די הילף וואס מ'טוט געווענליך פארשלאגן ביים מאכן א שמחה.

עס גייט אריבער עטליכע טעג, און מ'הייבט אן קלערן אז די זאך איז שוין אריבער, מ'וויל צוריקגיין צו די רוטין, אבער מ'נעמט נישט אינאכט אז די וויטאג ליגט נאך אין הארצן און ס'איז נאכנישט אויסגעגעבן. די שוועריגקייט איז פשוט אריין הינטערן קארפעט, מיט די האפענונג אז עס זאל פארגעסן ווערן, אבער פון נאטור אויס איז נישט דא אזא סארט מציאות אז וויטאג זאל ארויסגיין פון די נפש, אנדעם וואס מ'זאל עס ארויסגעבן.

עס זענען אפילו פאראן מצבים וואס זענען נישט גאר דראסטיש, אבער ס'איז פונקט גענוג אריינצולייגן דעם נפש אין א שווערע דורכגאנג, אנדעם וואס די נאנטע זאלן פארשטיין און באגרייפן די געוויכט וואס עס טראגט.

עס קען זיך מאכן ווען א מענטש האט געהאט א נאנטער חבר מיט וועמען ער פלעגט פארברענגען אלע יארן, און מיט די צייט זעט ער ווי יענער הייבט אן גיין אין אן אנדערע ריכטונג, און ער וויל נישט פארזעצן מיט די נאנטע פריינטשאפט, דאס איז א שווערע פיל אראפצושלינגען.

די ארימיגע בויען אויף די סעקיורעטי סיסטעם פאר'ן נפש, דאס מאכט שפירן פארזיכערט, זיך צו טרעפן מיטאמאל אן די נאנטע איז גאר שווער.

ווער רעדט נאך אז מ'גייט אריבער א שווערע צעטיילונג, אפילו די משפחה וועט פארשטיין די שוועריגקייט, און וועלן זיין בייהילפיג מיט אלע טעכנישע טיילן, וועט מען אבער נישט אייביג משיג זיין די פארלוסט וואס מ'האט געהאט, און מ'וועט קענען בלייבן מיט אנגעלייגטע וויטאג וואס טוט זיך אויסבאהאלטן טיף אינערליך.

## סימפטאמען און נאכווייען

שלעפן וויטאג פארשלייערט, טוט איבערלאזן טיפע קריצן אויפן נפש, וואס קען צוברענגען שאדנס אויפן לאנגער טערמין.

מ'ווייסט אליין נישט פארוואס מ'שפירט צעבראכן, מ'קען זיך נישט צוזאמקלויבן, און ס'איז שווער צו טרעפן די ריכטיגע ערקלערונגען און ווערטער מיט וואס צו קענען פארשטיין געבן וואס מ'שפירט.

פון איין זייט שפירט זיך אז מ'מוז עפעס טון זיך צו נעמען אין די האנט אריין, פון דער צווייטער זייט שפירט מען און ווי מ'איז אנגעקומען צו א פארמאכטע וועג, וואס צייגט נישט די וועג פאראויס. מיט די צייט קען עס אנהייבן אויסקלאפן אויף פארשידענע פראנטן.

עס קען צוברענגען אז מ'זאל אנהייבן שפירן פארמאכט, א פארשלאסנקייט וואס האלט אפ פון זיך קענען אויסדרוקן, ווערנדיג מער איינגעגעסן אין זיך אליין, דאס טוט אפעקטירן סיי די באציאונגען מיט אנדערע, און סיי די באציאונגען מיט זיך אליין.

עס קען אויך גורם זיין אז מ'זאל ווערן פארלאשן, אומעטיג, פארלירנדיג דאס חיות אנצוגיין, מ'שטייט אויף אינדערפרי, און מ'האט פשוט נישט די כוחות זיך צו אריענטירן, און אנגארטלען מיט די כוחות פאר די טאג.

ווי אויך קען עס אנברענגען פיזישע וויטאג, מ'הייבט אן ליידן פון שטארקע קאפ-שמערצן, דער דאקטער וועט נישט אנהייבן כאפן וואס ס'ליגט דערינטער, ווייל ס'איז פארבינדן מיט עמאציאנאלע דרוק, און נישט קיין ביאלאגישע פאקטורן.

דאס הייסט אז די שווערע איבערלעבעניש וואס מ'רעדט זיך אליין איין אז מ'איז שוין לאנג אריבער, קען זיך נאך געפינען אין די הארץ קעמערלעך, זיך לאזנדיג הערן דורך פארשידענע אומאיינגענעמע סיגנאלן.

## ברעך די שטילקייט

דער איינציגסטער עכטער מהלך זיך צו קענען ארויסזען פון די נאכווייען, איז דורך אנהייבן רעדן, ברעכן די שטילקייט, און עפענען א דיאלאג, צו אנהייבן ארויסברענגען וואס עס ליגט באגראבן און פארשלייערט.

האלטנדיג די שוועריגקייט אין הארץ יארן לאנג, קען זיין ביטער שווער צו אנהייבן טרעפן ווערטער אין די לעקסיקאן מיט וואס צו פארשטיין געבן פאר די נאנטע וואס ס'ליגט אויפן הארצן. מ'האט דאס שוין געשוויצט אזויפיל יארן אויף די אייגענע פלייצעס, און מ'ווייסט אפילו נישט מיט וועלכע שפראך צו אנהייבן רעדן וואס עס דרוקט.

אויף עפעס א וועג מוז מען אנהייבן, מ'קען אנהייבן רעדן פון וואס מ'קען יא רעדן, און

ווען מ'קוקט אריין אין פסוק וועט זיין אינטערעסאנט צו אנמערקן, אז שלמה המלך רעדט ארום וועגן וויינען און שמייכלען, דאס זענען ביידע מצבים מיט וואס מ'גיבט ארויס וואס מ'שפירט, די זעלבע איז מיט קלאגן און טאנצן, ביידע איינס פארקערט פונעם צווייטן, ביידע זענען מצבים פון ארויסברענגען פון די אינערליכע הארץ קאמערלעך דורך אופנים פון קלאגן און טאנצן.

ס'איז דא 'וויינען' און ס'איז דא 'קלאגן', קלאגן מוז נישט מיינען 'וויינען מיט טרערן', אמאל קען מען זיצן און רעדן וועגן א שווערקייטן, קלאגן איבער א פארלוסט מיט ווערטער, רעדן איבער די גוטס וואס יענער האט איבערגעלאזט, און מיט דעם ארויסברענגען די געפיל פון טרויער. ס'איז דא א מצב פון וויינען, ווען מ'האט נאכנישט קיין ווערטער צו די שווערקייט, און מ'קען בלויז וויינען, און ס'איז דא א מצב פון טרויערן, ווען מ'האט שוין ווערטער צו די שווערקייט, און מ'קען זיך שוין זעצן רעדן דערוועגן.

ס'איז אבער דא איין טרויער פון וואס שלמה המלך רעדט נישט, ער רעדט נישט פון א טרויער וואס מ'טוט האלטן אין הארצן, אנדעם וואס מ'זאל עס ארויסברענגען מיט ווערטער צי מיט געפילן, ער טוט בכלל נישט דערמאנען אין קהלת אז ס'איז דא א צייט פון זיך געפינען אין א מצב פון טרויער באגראבן אין זיך אליין. פארקערט גאר, די פאקט אז ער טוט רעדן איבער די צייטן פאר יעדע סארט מצב, טוט אונטערשטרייכן צו אויסנוצן יענע צייט, און ארויסברענגען די געפילן, כדי אז ווען די צייט גייט אריבער זאל מען זיך קענען שטעלן אויף די פיס, און רוקן אין ריכטונג פון א בעסערע מצב.

שלעפן די טרויער אינעווייניג איז אן ענדלאזע שפיל, און עס טוט ברענגען שווערע וואג וואס איז ממש אומדערטרעגליך, עס טוט צערייסן די נפש און מאכט שפירן אז די וועלט איז פינסטער, עס טוט פארמאכן די וועגן פון קענען גיין פאראויס, און עס איז ווי א גרוב אין וואס מ'טוט אריינפאלן, אנדעם וואס מ'זאל זען א שטריק מיט וואס זיך צו ארויסריקן פון דארט.

## אומזעבארע טרויער

עס זענען פאראן שווערע מצבים ווען די ארומיגע נאנטע און געזעלשאפט וועלן פארשטיין אז ס'איז א צייט פון טרויער, און מ'וועט זיין אפן און צוקומען רעדן און שמועסן צו זען וויאזוי מ'קען זיין בייהילפיג.

ווען עמיצער פארלירט א נאנטע ל"ע, וועלן די ארומיגע פארשטיין אז ס'איז א מצב פון טרויער, מ'וועט אריבערקומען צו די הויז וואו מ'איז מתאבל, און מ'וועט זיצן, געבן אן אויער צו אויסהערן, און אזוי געבן די מעגליכקייט פאר די נאנטע זיך צו קענען אויסגעבן, קלאגן, אויסוויינען, אזוי אז ווען די צייט פון טרויער גייט אריבער זאלן זיי קענען צוריקגיין צו די רוטין.

עס זענען אבער אויך פאראן מצבים ווען די געזעלשאפט איז ווייניג באקאנט מיט די אינערליכע שווערקייטן, די ארומיגע זענען בכלל נישט משים אל הלב אז דא איז פארגעקומען עפעס גרויס, און זיי וועלן נישט כאפן אז די נאנטע זענען אריבער א גרויסע געשעעניש אין זייער לעבן, וואס קען ממש אויפטרייסלען דאס גאנצע עקזיסטירונג, און עס פארלאנגט זיך צו געבן אן אויסהערנדע אויער, כדי איר/איר צו געבן די מעגליכקייט זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס.

אין מצבים וואס די ארומיגע זענען בכלל נישט וואכזאם צו די סיטואציע, וועט זייער אפט זיין די צוגאנג, אז אנשטאט זיך צו עפענען און אנהייבן רעדן, כדי די ארומיגע זאלן אנהייבן כאפן וואס עס גייט פאר, וועלן זיי טון פונקט דאס פארקערטע, זיי וועלן פארמאכן די וועג, און דייקא נישט רעדן, צוליב וואס זיי שפירן נישט אז ס'איז דא אויערן דערפאר.

עס הייבט אן ווערן ווי א קייט אהין און צוריק, די נאנטע ווייסן נישט צי מ'איז באקוועם צו רעדן צי נישט, דעריבער וועלן זיי בכלל נישט אנהייבן פרעגן, און אויב פרעגט מען יא, קען מען שפירן אז יענער שטעקט אריין די נאז וואו ער באלאנגט נישט, דאס טוט ממש צעברעכן די קאמוניקאציע, און מ'ווייסט נישט וויאזוי צו שטעלן די קומענדיגע טריט. נאטירליך וועט די גאנצע סיטואציע גיין אונטער די קארפעט, מ'וועט פרובירן צו פארהוילן אז עפעס איז בכלל פארגעקומען, מ'וועט זיך פרובירן איינרעדן אז די זאך איז מסודר, און מ'וועט פרובירן אריבערמישן די בלאט, אבער עס גייט נישט ממש אזוי.

## צעבראכן איינער אליין

עס זענען פאראן צייטן ווען די אייגענע וועלט איז ממש פינסטער, אבער מיט דעם אלעם וועט מען פשוט נישט האבן צו וועמען צו רעדן דערוועגן, פאר סיי וועלכע סיבה באקומט מען די געפיל אז די סיטואציע איז א לעבנ'ס ערפארונג וואס מ'דארף אליין דורכשוויצן.

דאס מאכט זיך צב"ש ווען א פאמיליע איז אריין אין א צייט וואס זיי קוקן שוין ארויס צו קענען מאכן א שמחה למזל טוב, מ'איז שוין געווען אזוי צוגעבונדן דערצו, און מיטאמאל ווערט די וועלט פינסטער ווען מ'גייט אריבער א שווערע פארלוסט, די בראך איז ביטער שווער, ס'איז א פארלוסט וואס האט נישט קיין ווערטער.

אינדערצווייט וואס די פארלוסט איז ריזיג גרויס, איז עס אבער אויך גאר א פריוואטע איבערגאנג, ווייניג ווייסן דערפון, און אפילו ווען מ'ווייסט יא דערפון וועט מען נישט שפירן אז מ'קען צוקומען רעדן דערפון, דאס ברענגט צו אז מ'זאל זיך אנהייבן איינעסן אין זיך אליין,

# זיי נישט צעבראכן

## ביסט קיינמאל נישט אליין, אפילו ווען עס קוקט אויס אז יא

אריינבליק אין די וויכטיגקייט פון נישט לאזן מיטמאכענישן הינטער די קארפעט, דאס קען צוברענגען ערנסטע נאכווייען פון זיין נידערגעשלאגן און אומעטיג, ביזן פארלירן דאס גאנצע חיות, שוין נאכן פארגעסן פארוואס מ'איז בכלל צעבראכן



'טרויער' איז טייל פון די עמאציאנאלע וואוילזיין - א לעבנ'ס וויכטיג מענטשליכער געפיל מיט וואס צו אויסדריקן וואס עס זיצט אינערליך אויפן הארצן. ווען עפעס שווער גייט אריבער, קען מען דאס אויסדרוקן מיט טרויער געפיל, וואס דאס גיבט א געוואלדיגע מעגליכקייט פארן נפש זיך צו קענען ריכטיג אויסגעבן, און אזוי זיך צו קענען אנגארטלען מיט פרישע גייסטישע כוחות.

דער חכם מכל האדם, שלמה המלך, זאגט אין קהלת: עֵת לִבְכּוֹת וְעֵת לִשְׂחוֹק, עֵת סְפוֹד וְעֵת רְקוֹד - דאס מיינט אז עס איז דא צייטן ווען עס איז געמאכט צו וויינען, צייטן צו שמייכלען, צייטן צו קלאגן, און צייטן צו טאנצן.

צו אויסדרוקן טרויער אין די פאסיגע צייט, איז די זעלבע וויכטיג ווי אויסדרוקן פרייד אין אנדערע צייטן. זיי זענען צוויי זייטן פון די עמאציאנאלע וועלט, אבער ביידע פון זיי זענען דא פאר די זעלבע צוועק, אז מ'זאל קענען ארויסברענגען וואס עס ליגט אינעווייניג, ווען די געפילן ווערן ריכטיג ארויסגעגעבן איז א ברכה צו מאכן, מ'גיבט זיך אויס פאר א געוויסע צייט אפשניט, און אזוי קען מען נאכדעם צוריקגיין צו די געווענליכע לעבנ'ס שטייגער.

## רפואה פאר די מכה

אפגעזען וואס די סיבה זאל נאר זיין, איז קלאר אז אין די היינטיגע טעג איז דא א ריזן אויפשטייג פון שוועריגקייטן וואס פלאגט מענטשן אין די עמאציאנאלע טיילן, אידן קענען זיך ארומדרייען מיט א ריזן שמייכל פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג קען זיין פארלאשן מיט א חשכות, וואס טוט פארשווארצן דאס גאנצע עקזיסטירונג, פון אינדרויסן קען מען זיך ארומדרייען מיט די גרעסטע רייכטום און גלונגענקייט, אבער אינערליך קען זיין ארעם ווי די נאכט.

אינדערצייט וואס ס'איז זייער קלאר אז די געברויך פאר נפשיות'דיגע באהאנדלונגען איז גאר שטארק געוואקסן אין די לעצטערע יארן, לאזט זיך זאגן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די רפואה פאר די מכה - אין די לעצטע הונדערט יאר איז אראפגעקומען א געוואלדיגע חכמת הרפואה מיט וואס מ'קען היילן נפשיות'דיגע שוועריגקייטן, זאל עס זיין פסיכישע שוועריגקייטן, וואס שטאמט פון אן אומבאלאנסירונג אין מח אין קריטישע כעמיקאלן, צי זאל עס שטאמען פון שווערע טראומעס און נאכגעלאזטע ערציאונג.

אפגעזען פון וואו די שוועריגקייטן זאלן שטאמען, און וועלכע קאלירן די שוועריגקייטן זאלן טראגן, איז דא היינט א וועלט מיט א רייע מעגליכקייטן צו היילן, עס נעמט אריין א וועלט מיט מערערע טעראפי מעטאדן, וואס האט שוין באוויזן צו היילן און באלייכטן די לעבנס פון אזויפיל, עס נעמט אויך אריין א ברייטע וועלט פון מעדיצינישע מעגליכקייטן.

## לאז עס נישט לויפן

נאכן מאכן א לאנגע הקדמה, איז וויכטיג צוצוקומען צום ווארט, און ארויסברענגען זייער קלאר, אז אין פאל ווען איינער שפירט אז זאכן זענען נישט בסדר, איז וויכטיג צו גיין זוכן הילף בעוד מועד, פראפעסיאנאלן וואס געבן זיך אפ צו היילן דורך יעדע סארט פראקטיצירונג און מעטאד, וועלן וויסן צו זאגן, אז ווי פריער מ'קומט זוכן הילף, אלס שנעלער און לייכטער וועט מען קענען אויפטון גדולות ונצורות.

דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט עס זאל זיין געשמאק און זיס, לעבן דארף זיין ערפאלגרייך, לעבן דארף זיין לעכטיג, ס'איז נישט דא קיין שום סיבה אין דער וועלט פארוואס מ'זאל זיך ארומדרייען מיט יארן פון ווייטאג אין הארצן, ס'איז נישט דא קיין שום סיבה אין דער וועלט אז די ארומיגע זאלן דארפן האנדלען מיט א נאנטער וואס מוטשעט זיך מיט זיין עבר, אלעס צוליב וואס ער גייט נישט זוכן הילף.

ס'איז היינט דא א וועלט וואס איז גרייט צו היילן אלעמען בס"ד, ס'איז דא אזויפיל סארט מעגליכקייטן וואס קענען צופאסן די ריכטיגע היילונג פאר יעדע סארט שוועריגקייט, ס'איז ממש א שאד עס צו לאזן לויפן. טעראפיסטן און פסיכאלאגן זענען מעיד, אז זיי האבן שוין געזען אזעלכע וואס זענען אריינגעקומען אין גאר שווערע מצבים, און מיט אביסל יגיעה זענען זיי אנגעקומען גאר ווייט אין לעבן, אזש זיי בענטשן די טאג ווען זיי האבן באשלאסן צו איבערלאזן די שוועריגקייטן און גיין זוכן פאר הילף.

דאס לעבן אזויפיל יארן מיט שוועריגקייטן אין הארצן קען מאכן שפירן אז לעבן קומט אזוי, און אויב מ'וועט זיך גיין העלפן וועט מען שפירן ליידיג אין זיך, אבער ס'איז זייער קלאר, אז נאכן אריבערגיין די אנדערע זייט ים, און זען די לעכטיגקייט ביים ענדע פון די טונעל, וועט מען דאנקען השי"ת פארן אונטערנעמען די יגיעה. אם לא עכשיו אמתי. אז ס'טוט ווי גייט מען זוכן הילף.



אטמאספערע מיט אזויפיל נייע מושגים וואס טוט זיך אויסברייטערן מיט גאר שנעלע אימפעט, ברענגענדיג אן א שיעור מעגליכקייטן און מעלות, אבער אין דער זעלבער צייט איז דער מענטש געבליבן דער זעלבער מענטש ווי אין די מיטל-אלטער, דער מענטש האט די זעלבע געברויכן און באדערפענישן. דער מענטש טראגט זיך ארום מיט די זעלבע גייסט און נפש וואס דארף זיין סטאביל און אוועקגעשטעלט אויף צו קענען האבן א געזונטע לעבן.

די שכל וואלט ווען געזאגט אז לעבנדיג אין א וועלט וואו מ'איז ארומגענומען מיט אזויפיל באקוועמליכקייטן טוט דער מענטש לעבן ממש אין א גן עדן התחתון, וואו אלעס איז מסודר, און ס'איז מער נישט דא קיין שוועריגקייטן, אבער ס'איז גאנץ ארויסשטארבאר אז ס'איז ווייט נישט אזוי, און אויב עפעס איז עס פונקט פארקערט.

די וואס זענען אביסל באקאנט אין די וועלט פון העלפן אנדערע וועלן וויסן צו זאגן, אז ווי מער פארגעשריטן און באקוועמער די וועלט טוט ווערן אנטוויקלט, טוט עס בלויז הייבן די פראצענטן פון מענטשן וואס הייבן אן אנטוויקלען שוועריגקייטן צו קענען פירן א געזונטע לעבן בנפש. נישט אז אמאל האט מען זיך נישט געמוטשעט, אבער היינט צוטאגס איז די פארלאנג פאר הילף געווארן אסאך שטערקער.

## אמאל האט מען אויך גערעדט דערפון

צוליב וואס מ'רעדט היינט אסאך מער פון דער נושא פון העלפן די נפש, זענען דא אזעלכע וואס מאכן אוועק דער גאנצער נושא פון גיין העלפן דעם נפש, זאגנדיג אז מ'האט דאס נישט געזען ביי די פריערדיגע.

דערפאר איז וויכטיג צו מדגיש זיין עטליכע נקודות וואס טוען קלארשטעלן פארשידענע ריכטונגען וויאזוי צו באטראכטן דער נושא.

ערשטנס איז וויכטיג צו מדגיש זיין, אז אויך אמאל איז געווען אזא באגריף אז די נפש איז געווען אויסגעמוטשעט און ערשעפט מיט פארשידענע סארט שוועריגקייטן אויף וואס מ'האט געדארפט זוכן הילף, מ'קען דאס אסאך זען אין די פריערדיגע ספרים, וואו אונזערע רבי'ס האבן אסאך ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט פון האבן א מיושב'דיגער נפש, דאס קען מען זען סיי אין די ספרים פון די חסיד'ישע חדר, און סיי פון די גדולי חכמי המוסר, אלע רעדן ארום איבער די וויכטיגקייט פון האבן א מיושב'דיגער נפש מיט וואס צו דינען השי"ת, און איבער פארשידענע עצות והדרכה וויאזוי מ'קען ארבעטן אויפן נפש.

ס'איז קלאר אז היינט רעדט מען אסאך מער דערפון, און דאס ברענגט צו אז געוויסע זאלן זיך זוכן צו אפשאקלען פון גיין זוכן הילף, זיי באטראכטן דאס ווי אן אבסעסיע, און ווילן נישט הערן דערפון, אבער אינ'אמת'ן זענען די שוועריגקייטן טאקע געווארן אסאך גרעסער ווי אמאל.

ס'איז דא פארשידענע סיבות פארוואס היינט איז אנדערש ווי אמאל, ערשטנס לעבט מען היינט אין א וועלט וואו ס'איז דא א געוואלדיגע שפע, דאס אליין גיבט א מעגליכקייט פארן נפש זיך צו לאזן הערן ווען עפעס איז נישט בסדר. אין צייטן וואס מ'פלעגט דארפן אופשטיין פרי פארטאגס צו מעלקן די קו, און מ'איז געווען די גאנצע טאג אויפן פעלד צו אקערן, זייען און שניידן, איז פשוט נישט געווען די מעגליכקייט צו טראכטן איבער די נפש.

אנדערש איז אבער היינטיגע טעג מיט אירע אלע שוועריגקייטן איז דא מער צייט פון אמאל, יעדער האט ברויט צו עסן, מערסטנס זענען נאר פארנומען וויאזוי זיי קענען באקומען לוקסוס, און זענען כמעט נישט פארנומען צו טראכטן וויאזוי זיי גייען קענען לייגן ברויט אויפן טיש.

> **אנדערש איז אבער היינטיגע טעג מיט אירע אלע שוועריגקייטן איז דא מער צייט פון אמאל**

פון דער צווייטער זייט איז דא א טייל אין אונזער וועלט וואס האט זיכער צוגעברענגט אז מענטל העלט זאל ווערן אזא ריזיגע נושא, מ'לעבט אין אן ארטיפישל עפאכע, ווען אלעס איז געווארן אוועקגערוקט פון די נאטירליכקייט אין די בריאה, און אנשטאט דעם איז געווארן אריינגעברענגט אלטערנאטיווע מהלכים מיט וואס צו קענען פראדוצירן אסאך בעסער און שנעלער.

לאמיר רעדן פון אזא קליינע פשוט'ע נושא ווי צוויי מענטשן זאלן שמועסן, אמאל האט מען באקומען אלע אינפארמאציע פון מענטש צו מענטש, עס האט געקענט זיין א מענטש וואס זאל טרעפן חיות בלויז פון טרעפן זיין חבר יענקל, און ער זאל אים קענען דערציילן איבער וואס ער האט געהערט נעכטן, אבער היינט ווען מ'טרעפט דעם יענקל'ען ווייסט ער שוין אלעס, און ס'איז מער גארנישט דא וואס צו דערציילן.

דאס איז נאר איין ביישפיל וויאזוי די ארטיפישל וועלט האט געטוישט די גאנצע סאציאלע פארבינדונגען צווישן מענטשהייט, און דאס לאזט איבער טיפע שפירן אין דעם נפש.



# ס'איז דא הילף

## פארוואס דארף מען היינטיגע צייטן מער טעראפי?



היינטיגע טעג איז די וועלט גאר סאפיסטיקירט, עס אפערירט בליץ-שנעל אויף א מאסיווע פארנעם, ממש אין יעדע עספעקט און אין יעדע הינזיכט איז די וועלט פארוואנדלט געווארן צו א העכסט פארגעשריטענער מקום, די מעגליכקייטן וואס די וועלט האט געברענגט מיט זיך היינטיגע טעג האט געברענגט פאר די מענטשהייט די מעגליכקייט צו קענען לעבן מיט אלע סארט באקוועמליכקייטן פון וואס מ'וואלט אמאל אפילו נישט געקענט קלערן דערפון.

פון די אמאליגע קליינטשיגע כאטקעס און ביידלעך זענען אויסגעשטיגן הויכע וואלקן קראצערס וואס נעמען איין ריזיגע שטחים. די אמאליגע פערד און וועגענער איז ערזעצט געווארן צו העכסט פארגעשריטענע קארס און פליגערס וואס קענען פארן ווייטע שטרעקעס ביז א קורצע צייט. פון די אמאליגע טעלעגראמען און ארעמע קאמוניקאציע מיטלען איז ערשינען אן עפאכע וואס די גאנצע וועלט איז געווארן ווי איין גרויסע קוגל.

ווען מ'זאל ווען אויפוועקן פון קבר א נישט לעבעדיגער פונעם נישט ווייטן אמאל, און אים צייגן וואס ס'איז געווארן אנטוויקלט פון די וועלט וואס ער האט איבערגעלאזט, וועט אים די וועלט אויסקוקן ממש ווי א הוילע פאנטאזיע אינעם עולם התוהו, עס וואלט אים גענומען וואכן לאנג בלויז צו קענען אנהייבן באגרייפן וואס ס'האט פאסירט מיט די אמאליגע וועלט.

אבער כאטש וואס ממש יעדע ווינקל אין די וועלט איז אריבער א גענצליכע טראנספארמירונג, איז פארבליבן איין חלק וואס האט זיך בכלל געטוישט - די רעדע איז פון די וואונדערליכע בריאה פאר וועמען די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן - די מענטשעלע.

די מענטשהייט געפינט זיך טאקע אין א פרישע

צייטן וויאזוי אויפצובויען א שטארקע עמאציאנאלע סיסטעם און צו פארמיידן קריזיסן וכדו'.

## לב יודע נפשו:
## אויפבויען די אייגענע סופארט סיסטעם

ווי עס איז זעלבסט פארשטענדליך, איז יעדער מענטש אנגעוויזן אויף סופארט. די פראבלעם איז נאר אז סופארט געשעט נישט אויטאמאטיש פון זיך אליין, עס איז עפעס וואס מיר דארפן ארבעטן דערויף און דאס דירעקט אויפבויען.

פאלגענד זענען עטליכע עצות וויאזוי צו פארשטערקערן אייער סופארט סיסטעם.

- **זייט משקיע אין חברותא'שאפט:** רעדט כסדר צו גוטע פריינט, זייט גרייט ווען דער חבר דארף אייך, און זייט משקיע אין א רילעישנשיפ וואס פילט פארזיכערט און געשמאק.
- **אידענטיפיצירט אייערע געברויכן:** טראכט זיך דורך צו וויסן וועלכע סארט סופארט איר דארפט; צי איר זענט אנגעוויזן אין איינער וואס זאל אייך אויסהערן, איר זוכט פראקטישע עצות אדער נויטיגט איר זיך אין פראפעסיאנאלע כלים. ווען איר וועט זיין קלאר דערין, וועט אייך דאס העלפן צופירן צו די ריכטיגע סופארט קוואל.
- **נארמאליזירן טעראפי:** קוקט אן טעראפי אלע חלק פון זיך אפגעבן מיט אייערע געברויכן (סעלף-קעיר), א שטייגער ווי עקסערסייז אדער עסן און טרינקען.
- **יעדער האט זיין פלאץ:** באנוצט זיך מיט פריינט פאר א גוטע קשר און געמיינזאמע עקספיריענס, און מיט טעראפי פאר קלארע כלים און פראפעסיאנאלע היילונג.

## תמצית היוצא:
## דארפסט נישט אויסוועלן איינס

נאכן ליינען דעם ארטיקל, לאמיר צוזאמנעמען אין איין ווארט וואס איז דא ארויסגעברענגט געווארן.

סופארט איז נישט עפעס וואס איז געמאכט פאר יעדן די זעלבע. נאנטע חברים און פראפעסיאנאלע טעראפיסטן ערפילן ביידע אנדערע ראלעס, אבער ביידע זענען קריטיש וויכטיג. חברים טוען אונז דערמאנען אז מיר זענען באליבט און אנגענומען, אין צייט וואס טעראפיסטן העלפן אונז זיך צו בעסער פארשטיין און מאכן די נויטיגע טוישונגען.

ווען דאס לעבן ווערט אביסל שווער, דארפן מיר נישט אויסוועלן איינס אנשטאט דאס צווייטע, מיר קענען נוצן ביידע יעדער פאר זיין שטארקייט! און לאמיר געדענקען אז די שטערקסטע סופארט סיסטעם איז אזוינס וואס נעמט ארום פון אלע זייטן: די גוטע פריינט וועלכע טוען דיר באגלייטן אויפן וועג, און דער טעראפיסט וואס העלפט דיר אויסצוטרעטן דעם ריכטיגן וועג פאראויס.

**פאלגענד שטעלן מיר אייך אהער א טשארט, וואס ברענגט ארויס אין קורצן די מעלות פון א חבר און פון א טעראפיסט**

| פריינט | טעראפיסט |
|---|---|
| שטעלט צו סימפאטיע און גוטע קשר | שטעלט צו פראפעסיאנאלע כלים און ריכטיגע הדרכה |
| ער קען דיין לעבן און געמיינזאמע עקספיריענסעס | איז נייטראל, קאנפידענטיאל און אן קיין פערזענליכע אגענדעס |
| קען דיר בארואיגן אויפן מינוט | העלפט דיר זיך היילן און שטעלט צו לאנגטערמיניגע טוישונגען |
| צוויי-זייטיגע סופארט - איר העלפט זיך ארויס איינער דעם צווייטן | איז הונדערט פראצענט פאקוסירט אויף דיר דורכאויס דעם סעסיע |
| שטארק געאייגנט פאר טאג טעגליכע סטרעס אדער ווען איר ווילט פילן קאנעקטעד | שטארק געאייגנט פאר טיפע פלאגענישן, איבערשפילנדע שוועריגקייטן און צו ערריי‌כן עמאציאנעלע פארשריט |

# טובים השניים
## צומאל פעלט אויס
## סיי א חבר און סיי טעראפי

שטעל זיך פאר דו קריכסט ארויף א הויכן שטוערן בארג. עס איז ביטער שווער צו מאכן דעם וועג אליינס, דו ברויכסט האבן א גוטער פריינט צו די זייט, וואס ער זאל דיר העלפן מיט גוטע סופארט ווערטער און חיזוק, און אויך דערלאנגען א גלעזל פרישע קאלטע וואסער ווען דו ווערסט צו אויסגעמוטשעט.

וואס געשעט אבער אויב אינמיטן וועג צוקלאפסטו זיך, און דו צעברעכסט זיך א ביין? דאן וועלן אלע שטארקע חיזוק רייד און שטיצע נישט העלפן, און אפילו דאס גלעזל קאלט וואסער וועט נישט אויסהיילן דיין ביין. אין דעם פאל דארפסטו אנקומען צו איינער וואס פארשטייט אין די זאכן, א פראפעסיאנאל וואס ווייסט וויאזוי צו פארעכטן ביינער און ער וועט דיר העלפן זאלסט קענען אויסהיילן דיין ביין און ווייטער ממשיך זיין צו גיין.

ווען עס קומט צו עמאציאנאלע היילונג איז דאס גארנישט אנדערש, עס קען זיך צומאל אויספעלן סיי א חבר צו שטיין אויף דיין זייט און צושטעלן סופארט און אַן אוזן קשבת, און פון צווייטן זייט אויך א פראפעסיאנאל וואס זאל העלפן אויסהיילן די קלעפ און פארעכטן דאס נפש.

די געזונטסטע סופארט סיסטעם, טוט אפט קאמבינירן צווישן ביידע, נוצנדיג חברים פאר באקוועמליכקייט און גוטע בארואיגונג'ס געפילן, און טעראפי פאר א טיפע היילונג און העלפן צו וואקסן.

דאס גייט נאך טיפער; דער טעראפיסט קען דיר גאר העלפן צו פארשטערקערן די פריינטשאפט, דורכן דיר אויסלערנען די ריכטיגע קאמיוניקאציע סקילס, עמאציאנאלע אווערנעס און ריכטיגע גרעניצן, וואס דערמיט ווערט די קאנעקשען צווישן דיר און דער חבר אסאך רייכער און ריכטיגער.

## מה יאמרו הבריות:
## איבערקומען די סטיגמע

'סטיגמע' - איין ווארט וואס זאגט אזויפיל. וויפיל אידן זענען געבליבן מיט זייערע פראבלעמען צוליב דעם 'סטיגמע' פחד, וויפיל אידישע קינדער האבן אנשטאט זיך גיין העלפן און ארויסקריכן פון זייערע שוועריגקייטן באשלאסן זיך צו פלאגן אויף א טעגליכע פארנעם, אלעס צוליב דעם שרעקעדיגן 'סטיגמע'.

עס איז נישט קיין סוד אז די סטיגמע פחד איז עפעס וואס האלט אפ מענטשן פון זיך גיין העלפן, עס איז אבער שוין היינט אויך נישט קיין סוד, אז די סטיגמע איז שוין געלויבט גאט אסאך שוואכער, און מערסטנס מענטשן וועלן ענדערש אראפקוקן איינער וואס ברויך הילף און ער גייט זיך נישט העלפן, ווי איינער וואס גייט יא פאר הילף. ווי האט יענער געזאגט; האלב כלל ישראל גייט פאר טעראפי און די אנדערע האלב זענען די וואס דארפן עס די וויכטיגסטע...

ווי פארשטענדליך קומען מיר נישט זאגן אז יעדער מענטש מוז גיין פאר הילף, אבער דאס איז זיכער אז עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס עס וואלט זיי זייער שטארק צונוצגעקומען, זיי וואלטן זיך געקענט אסאך העלפן דורך טעראפי, נאר זיי האבן מורא צו גיין, זיי פארכטן זיך פונעם 'מה יאמרו הבריות'. דעריבער איז טאקע זייער וויכטיג אויסצושמועסן, אז ווען איינער גייט פאר פראפעסיאנאלע הילף, מיינט דאס אויסדרוקליך נישט אז עפעס איז מיט אים נישט בסדר, עס קען צומאל זיין א קליינע 'בובו' וואס מיט אביסל הילף קען מען דאס גרינג היילן, אבער טאמער העלפט מען זיך נישט, דאן ווערט די בובו פארגרעסערט און מער אייטערדיג, און דאן איז שוין אסאך שווערער זיך צו העלפן.

ווען עס טוט איינעם וויי א צאָן, אויב איז ער א קלוגער מענטש, וועט ער גלייך באשטעלן אן אפוינטמענט ביים דענטיסט, אויסטשעקן וואס די פראבלעם איז, און קעיר נעמען דערפון ווען די פראבלעם איז נאך קליין און עס איז גרינג דאס צו פארעכטן. אויב אבער איינער גייט נישט צום ציין-דאקטער, נאר ער ווארט ביז די יסורים זענען אומדערטרעגליך און די צאָן איז שוין האלב ארויסגעפאלן, דאן ווען ער גייט צום דענטיסט וועט די באהאנדלונג זיין פילפאכיג שווערער און קאמפליצירטער. ווייל ווען מען נעמט קעיר פון א פראבלעם באצייטנס, מען טוט די נויטיגע רפואה מיטלען מבעוד מועד, דאן איז די היילונג דערפון אסאך גרינגער.

דאס זעלבע איז ווען מען פלאגט זיך מיט עמאציאנאלע שוועריגקייטן; טעראפי איז נישט געמאכט אלץ לעצטע מיטל פאר קראנקן ח"ו, טעראפי איז געאייגנט צו העלפן א מענטש מיט עמאציאנאלע אישוס, זאל עס זיין ווי קליין אדער גרויס עס איז.

נאכמער, די אפעקטיוויסטע טעראפי איז ווען מען טוט דאס אין די פריע שטאפלען, דאן קען מען זיך בויען אויף א שטארקע פארנעם, און זיך לערנען אין גוטע



# מבין נפשות:
## די ראלע פון א טעראפיסט

אז מיר האבן שוין פארשטאנען די מעלות און שטארקייטן וואס זיך אויסרעדן צו א חבר פארמאגט, לאמיר אצינד אריבערגיין צום צווייטן צד און זען דעם טעראפיסטישן זייט, צו פארשטיין וואספארא מעלות א טעראפיסט ברענגט מיט זיך, און וואס ער טוט אנטראגן וואס א חבר קען נישט.

טעראפי איז געגנזליך אנדערש ווי א חבר, אין איין ווארט: דער טעראפיסט איז נישט דיין פריינט!

טראץ וואס מיטן ערשטן בליק קען דאס אויסקוקן ווי א נעגאטיוון פאקטאר, איז אבער טאקע דאס די אורזאך פארוואס טעראפי קען זיין אזוי ווירקזאם און הילפבאר. דער תפקיד פון א טעראפיסט איז, דיר צו אהערשטעלן א פעסטע פאריזיכערטע פלאץ, וואו דיין גאנצע אינערליכע וועלט – ארייגערעכנט א-ל-ע-ס – זאל קענען ארויסגעברענגט ווערן אן קיין היכא ערוואראטונגען אדער דזשאדזשמענטס.

פאלגנד זענען עטליכע מעלות פון גיין פאר טעראפי:

פראפעסיאנאלע ראט: טעראפיסטן זענען טרעינירט צו אידענטיפיצירן אזעלכע סארט שוועריגקייטן וואס לאזן נישט נאך, סימנים פון טראומא און יסודות'דיגע פראבלעמען, וואס א חבר וועט דאס ווארשיינליך קיינמאל נישט באמערקן. א טעראפיסט קען פארשטיין און דיר מסביר זיין די סיבה פארוואס דו פילסט דאס וואס דו פילסט, און די ריכטיגע וועג וויאזוי דו קענסט דאס טוישן.

נייטראל און קאנפידענטיאל: אנדערש ווי פריינט, האבן טעראפיסטן נישט קיין שום פערזענליכע אגענדעס אין דיין לעבן, זיי זענען דא בלויז פאר דיר! און זיי ברענגען נישט מיט קיין שום פריערדיגע מיינונגען אדער ערוואראטונגען פון דיר אינעם סעסיע-צימער. זיי זענען נייטראל, זיי זענען נישט דזשאדזשמענטל און זענען פארפליכטעט צו שטרענגע קאנפידענטיאליטי צו האלטן פריוואט זאכן בסוד, דאס ברענגט דערצו אז דו זאלסט קענען ארויסגעבן אלעס וואס דו באהאלטסט אין דיר, די טיפסטע זארגן און פחדים, אן וואס דו זאלסט מורא האבן אז דאס וועט ווייטער ארומגיין אדער אז דו וועסט אנגעקוקט ווערן אין וועג אדער א צווייטע.

כסדר'דיגע פארשריט: טעראפי איז געבויט צו מאכן פארשריט און דיר ברענגען צום ציל. מיט די צייט, ווערן די סעסיעס געבויט און געפלאכטן איינס מיטן צווייטן, דיר צו העלפן אידענטיפיצירן די שורש פון די פראבלעמען וואס קומען כסדר צוריק, צו דעוועלעפן סטראטעגיעס וויאזוי דורכצוגיין די שוועריגקייטן און צו שאפן א ריכטיגע טויש.

בלויז דיין צייט: ווען עס קומט צו פריינט, איז די סופארט א צוויי-זייטיגע, ווידער ביי טעראפי איז די גאנצע זאך פאר דיר, אין לויף פון די פופציג מינוטיגע סעסיע איז אלעס איבער דיר; דיינע פילינגס, דיין פארשריט, דיין היילונג אא"וו.

הילף ביי א קריזיס אדער קאמפליצירטע סיטואציעס: אויב ליידט איר פון דעפרעסיע, טראומא, ענקזייעטי אדער זענט איר סטאק אין איבערשפילנדע שוועריגקייטן וואס טוען אפעקטירן אייער טאג-טעגליכע פונקציאנירונג, קען טעראפי אייך צושטעלן פראפעסיאנאלע כלים וויאזוי זיך צו ספראוווען דערמיט, עפעס וואס א חבר – זאל ער זיין דער געטרייסטער און נאנטסטער – קען פשוט נישט צושטעלן.

# למי ולמי הולכים:
## ווען צו נוצן דעם חבר און ווען צו גיין פאר טעראפי

לויט וואס מיר האבן געזען ביז אהער, פארשטייען מיר שוין זייער קלאר אז דא איז נישט דא קיין פראגע ווער איז בעסער – א פריינט אדער א טעראפיסט, די שאלה איז נאר ווען איז דאס זיך אויסרעדן צו א חבר די ריכטיגע שריט און ווען ברויך מען זיך ווענדן צו א טעראפיסט.

**רעד זיך אויס צו א חבר ווען:**

- דו דארפסט איינעם דיר צו אויסהערן אדער ברויכסט עמאציאנאלע רואיגקייט.
- דו ווילסט מיטטיילן מיט איינעם טאג-טעגליכע סטרעס, קליינע געווינסן אדער קאמפליקאציעס.
- דו זוכסט א קאנעקשען, א גוטע לאַך אדער פערספעקטיוו פון איינער וואס קען דיין לעבן פון אינעווייניג.

**גיי פאר פראפעסיאנאלע הילף ווען:**

- דיינע פילינגס זענען צו שטורעמיש, עס האלט אן פאר א לאנגע צייט אדער טוט אייך עס שטארק שטערן.
- איר באמערקט שוועריגקייטן וואס שפילן זיך כסדר איבער (א שטייגער ווי כסדר'דיגע ענקזייעטי, רילעישנשיפ אישוס אדער שווערע ספיקות).
- איר האט שוין פרובירט צו רעדן צו חברים, אבער דאס האט נישט געברענגט קיין לאנגטערמיניגע בארואיגונג.
- איר ברויכט כלים דורכצוגיין די שוועריגקייטן, זיך היילן אדער וואקסן, עפעס וואס פריינט קענען נישט צושטעלן.

דערינען; צו וועם איז ראטזאם זיך צו ווענדן אין אזא סיטואציע – צו א פראפעסיאנאלער טעראפיסט אדער א נאנטער חבר??? איז דען פארהאן אזא מציאות אז א חבר זאל קענען העלפן אויף א טיפע פראפעסיאנאלע אופן אזוי ווי אן ערפארענער טעראפיסט? פון צווייטן זייט – קען דען זיין א וועג אז א טעראפיסט זאל קענען מיטפילן און פארשטיין יענעמ'ס שוועריגקייטן אויף אזא פארנעם ווי א נאנטער חבר וועלכער קען שוין דעם מענטש פאר לאנגע יארן?

דער ענטפער אין דריי ווערטער איז: עס ווענדט זיך. יעדער מענטש און בעיקר יעדע מצב איז אנדערש, ווען אין געוויסע סיטואציעס וועט דווקא א רואיגע שמועס מיט א גוטן פריינט זיין די ריכטיגע שריט, און אין אנדערע פעלער וועט א טיפע סעסיע ביים טעראפיסט ברענגען נענטער צום ציל וואס מען וויל ערגרייכן.

אינעם דאזיגן ארטיקל וועלן מיר זיך אלזא אריינטון אין דעם נושא בס"ד, מיר וועלן פרובירן צו פארשטיין די מעלות פון ביידע, מיר וועלן ארויסהאבן ווען דער פריינט איז דער ריכטיגער צוגאנג און ווען טעראפי איז די זאך, און בס"ד וועט איר נאכן דורכליינען דעם באשרייבונג קענען מאכן א קלארע החלטה ביי יעדע סיטואציע וואס עס איז די פאסיגע שריט צו נעמען אויף יענע מינוט, צי א חבר, א טעראפיסט, און צומאל קען זיין אז ביידע צוזאמען זאלן מאכן די זאך.

## וקנה לך חבר
## די מעלות פון א גוטער פריינט

לאמיר אנפאנגען מיטן חבר'ס מעלות. א גוטער פריינט קען זיין אן אויסגעצייכנטע רעטונג'ס ברעט אין פאל פון א שווערע דורכגאנג. דאס פריינטשאפט ברענגט א געפיל פון חברותא'שאפט, שייכות, ליבשאפט און א צוויי-זייטיגע-זארגשאפט, וואס קיין שום פראפעסיאנאלע רילעישנשיפ קען נישט גענצליך ערזעצן.

לאמיר אויסשמועסן עטליכע מעלות וואס מען פארדינט ביים מיטטיילן מיט א חבר די שוועריגקייטן וואס מען גייט אדורך.

עמאציאנאלע באקוועמליכקייט: גוטע פריינט טוען צושטעלן סימפאטיע, ווארעמקייט און טוען דיר אויסהערן. דאס בלויזע הערן פון א חבר אזעלכע ווערטער ווי: "איך פארשטיי דיר! איך בין דא פאר דיר!" קען גאר שטארק פארגרינגערן די שווערע לאסט מיט וואס דו שלעפסט זיך ארום.

געמיינזאמע עקספיריענס: אין פילע פעלער וועלן חברים פארשטיין דיין לעבנ'ס ערפארונג און היסטאריע. זיי זענען געווען ביי דיינע בעסטע צייטן גענוי ווי ביי די שווערע מינוטן, און זיי קענען געוועהנליך אלע פארמישטע אין דיין אייגענע מעשה; דיין משפחה, דיין בעה"ב, דיינע ארבעט-קאלעגעס, און אפילו דיינע משוגעת'ן... אָן וואס דו זאלסט עס דארפן מסביר זיין.

באלדיגע גרייטקייט: אין קעגנזאץ צו טעראפי סעסיעס - וואס קומען געוועהנליך פאָר איין מאל אין א וואך אדער אין צוויי וואכן, וועט א חבר זיין גרייט פאר דיר צו סיי וועלכע צייט, ווען בלויז א טעלעפאן קאל אדער טעקסט מעסעדזש טיילט אפ צווישן אייך.

צוויי-זייטיגע סופארט: א חברותא'שאפט, איז א צוויי-זייטיגע הילפ'ס מיטל, דאס באדייט אז יעדער העלפט ארויס דעם צווייטן, און כאטש וואס יעצט העלפט דיין חבר דיר ארויס, אבער אין דיין חבר'ס שווערע מינוט וועסטו שטיין צו זיין הילף. אזא סארט מהלך קען שטארק פארשטערקערן די קשר צווישן אייך, און עס מאכט אויך בעסער פילן מיט זיך.

די צווייטע זייט מטבע: נאכן דורכגיין די פילע מעלות פון א גוטן חבר, לאמיר שנעל דורכלויפן געוויסע חסרונות וואס זיך אויסרעדן צו א חבר קען צומאל ברענגען מיט זיך.

א גוטער ידיד, טראץ זיין גאר שטארקע ווילן דיר צו העלפן, איז זייער אסאך מאל שטארק געצוימט מיט זיין מעגליכקייט דיר צו ארויסהעלפן. צומאל פארמאגט ער נישט די ריכטיגע כלים, די נויטיגע צייט אדער די פאסיגע עמאציאנאלע ענערגיע דיר צו מדריך זיין דורכאויס טיפע פיין וואס דו גייסט דורך.

צומאל קען עס גיין נאך ווייטער, אז דער חבר קען – אוודאי אומווילנדיג – שענקען אומהילפבארע עצות, וואס קען מער קאליע מאכן ווי אויפטון. ווי אויך קען א פריינט זיך פילן צו אנגעשטרענגט ווען די עול ווערט אים צופיל, וואס קען ברענגען דערצו אז דער חבר זאל הינטערן באוואסטזיין (סוב-קאנטשעסלי) זיך אנפאנגען צו דערווייטערן פון דיר און איגנארירן דיינע טעלעפאן רופן. אזא סארט סיטואציע קען צום סוף איבערלאזן דיר מיט דיין חבר מיט אומאנגענעמע געפילן איינער אויפן צווייטן, וואס קיינער וויל אוודאי נישט אנקומען דערצו.



# א חבר, א טעראפיסט אדער ביידע?



'אדם לעמל יולד' זאגט אונז דער חכם מכל אדם. יעדער מענטש גייט אין זיין לעבן אדורך געוויסע שוועריגקייטן. דער באשעפער זאל אוודאי העלפן אז קיין איין אידיש קינד זאל נישט געפרואווט ווערן מיט צו גרויסע נסיונות, אבער דאס איז דער מציאות וויאזוי די וועלט איז אויסגעשטעלט, אז מען גייט דורך פארשידענע זמנים און מצבים, ווען זאכן זענען עטוואס מער אנגעשטרענגט ווי געווענליך.

די שוועריגקייטן זענען פארשידנארטיג, יעדער מיט זיין פעקעלע, אבער הצד השוה שבהן אז ווען א מענטש גייט עפעס אדורך קלאפט עס אויס אויף פארשידענע אספעקטן פון זיין לעבן, און א דורכשניטליכער מענטש וועט אין אזא סיטואציע דארפן האבן איינעם צו וועם ער זאל זיך קענען אויסרעדן און אויסגיסן זיין הארץ.

וואס גייט דער מענטש פארדינען פונעם זיך אויסרעדן? דא ווערט עס צעטיילט אין עטליכע חלקים. צום ערשט האבן מיר דער מאמר חז"ל, אז 'דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים', דאס באדייט אז דאס בלויזע זיך אויסרעדן פאר א צווייטן מאכט שוין גרינגער אויפן הארצן (וואס פינקטליך ברענגט דערצו אז מען זאל זיך פילן בעסער – צי דאס איז דער ארויסגעבן פון זיך, אדער דאס וואס מען פילט אז איינער פארשטייט מיר וכו' איז א שמועס פאר זיך אין וועלכע מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין).

דאס איז איין סארט ציל פון זיך אויסרעדן, דערנאך איז דא אמאל וואס די מטרה וואס מיר ווילן פארדינען פונעם אויסרעדעניש איז צו באקומען טאט און ראט, הערן א צווייטנ'ס פערספעקטיוו און באקומען עצות וויאזוי זיך צו ספראווען מיט די שוועריגקייט פון איינער וואס זעט דאס פון א דרויסנדיגער בליק. דאס איז שוין מער א בחינה פון 'איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק', דאס מיינט אז ווען מען שמועסט זיך דורך מיט איינעם איבער די שוועריגקייטן וועט יענער קענען ארויסהעלפן און מחזק זיין.

איינמאל מיר קומען אן צום מסקנא אז אין זייער אסאך פעלער דארף א מענטש האבן אן 'אויער', פרעגט זיך די שאלה וואס פילע פון אונז שטויסן זיך אסאך אן

זיך אויסרעדן צו איינעם, אדער די קענסט נישט אויפקומען מיט א נאמען פון א פאסיגער פערזאן, איז דא דער עצה פון שרייבן פאר זיך אליינס. זייער אסאך מענטשן זעען דאס שרייבן א דזשורנאל פאר זיך אליינס אלס א מאכטפולע געצייג זיך אויסצוגעבן.

עס איז באוואוסט די פשט וואס צדיקים האבן געזאגט אויף די ווערטער פון די משנה 'וקנה לך חבר', אז דער פעדער [קָנֶה] זאל זיין דיין חבר. דאס הייסט אז עס איז נישט קיין היינטיגע נייע זאך, עס ווערט שוין געברענגט אין ספרים דער געדאנק פון זיך ארויסגעבן אויפן פאפיר. עס איז אויך ענליך צום געדאנק פון אראפשרייבן יעדן טאג א 'חשבון הנפש'.

דזשורנאלינג איז דער פעולה פון פשוט אראפשרייבן פאר זיך געדאנקען און מחשבות, געפילן און זאכן וואס מען האט געטון, און דאס העלפט צו ווערן מער וואַך צו דיינע אינערליכע געפילן און עמאציעס. ס'קען זיין מיט א פיזישע ביכל אדער א פייל אויפן קאמפיוטער, שרייבן אן אימעיל צו זיך אליינס, דער עיקר איז צו געפינען די זיכערסטע וועג וואס וועט דיר ערלויבן זיך ארויסצוגעבן אויף די בעסטע און אפנסטע וועג שייך. דיין דזשורנאל איז א פלאץ פאר דיר צו פראצעסירן דיינע געפילן וואס קומען דיר ארויף, אזוי אז דו ווערסט מער באוואוסטזיניג צו דיינע געברויכן וואס דו דארפסט.

מאך זיך אפ א ספעציפישע צייט, א שטילע רואיגע פלאץ מיט ישוב הדעת וואו דו קענסט זיצן און שרייבן. עס איז וויכטיג צו באשטימען פון פאראויס א צייט אפשניט ווילאנג דו גייסט שרייבן, און זיכער מאכן זיך צו האלטן צו דער צייט, מען טאר זיך נישט לאזן פונעם געדאנק וואס וועט טענה'ן אז עס איז דא וויכטיגערע זאכן וואס דו האסט צו טון אין די צייט... געדענק, אויב דאס שרייבן א דזשורנאל איז דיין אקסידזשען איז נישטא גארנישט וואס איז וויכטיגער ווי דעם. דו טוסט עס פאר דיר אליין.

אויב קיין איינע פון די מהלכים ארבעטן נישט פאר דיר און ברענגען דיר נישט קיין געוואונטשענע רעזולטאטן, נעם אין באטראכט צו אנטיילנעמען אין א 'טעראפי גרופע' אדער 'טעראפי טעלע-קאנפערענץ' וואו דו קענסט קונה זיין די כלים וואס דו זוכסט.

## דער צווייטער חלק:
## אוועקשטעלן געזונטע גדרים

עס איז זייער חשוב און וויכטיג צו העלפן אנדערע אידן, און זאלסט וויסן אז דו טוסט א געוואלדיגע מצוה דערמיט. פארט אבער איז מעגליך אז דו האסט מענטשן וואס שעפן דיר אויס אלע דיינע גייסטישע כוחות און ענערגיע, און עס איז קריטיש וויכטיג אז דו זאלסט אוועקשטעלן גדרים וואס יא און וואס נישט. דו מוזסט מקיים זיין דעם 'הגבל את ההר' זיך מאכן קלארע צוימונגען, און דערנאך וועט קענען זיין 'וקדשתו'.

אויב א געוויסער מענטש שעפט דיר אויס מער ווי נארמאל, טרעף א וועג וויאזוי צו מינימיזירן דיין שייכות מיט יענעם. שנייד די צייט ווילאנג דו רעדסט מיט יענעם, ווי אפט דו רעדסט מיט יענעם, ארבעט אויס א וועג וואס זאגט דיר קלאר וואס איז שוין צו סאך און וואס איז פונקט גוט. עפעס וואס דו מאכסט אפ אז עס איז צו סאך קענסטו נישט איבערגיין, ערלויב דיר נישט צו געבן פאר יענעם מער ווי דו קענסט.

דו דארפסט זיך נישט צושטעלן צו יענעם און זיין עוועילעבל בלויז ווייל איינער זוכט דיין הילף. טראכט וועגן דיינע אייגענע געברויכן פונקט ווי יענעמ'ס. אויב ביסטו נישט קלאר וויאזוי אוועקצושטעלן אזא סארט גדר, וואס מיינט צו סאך און וואס איז גוט, פרוביר צו טראכטן וואס דו וואלסט געענטפערט פאר דיין חבר ווען ער קומט דיר פרעגן אזא פראגע....

## א ווארט צום שלוס:
## רשות נישט צו זיין פערפעקט

תמצית היוצא וואס איר דארפט ארויסנעמען פון דעם ארטיקל, צו געדענקען אז ס'איז אקעי צו נישט זיין אקעי. ס'איז נארמאל צו בעטן הילף פון א צווייטן. עס איז וויכטיג צו געדענקן אז דו קענסט נישט גיסן פון א ליידיגע גלאז, און נאר מיטן אכטונג געבן אויף זיך אליינס און בעטן הילף ווען דו דארפסט, קענסטו משפיע זיין ווייטער און העלפן אנדערע. יא, עס הערט זיך מעגליך סעלפיש און געטראכט נאר פון זיך, אבער דאס איז למעשה ענדגילטיג די טובה פון יעדן איינעם.

און אויב דער ארטיקל איז נישט וועגן דיר, דו שפירסט זיך נישט אין די שורות אבער עפעס דערמאנט עס דיר פון איינעם וועם דו קענסט, פרוביר אנצופאנגען א דיאלאג מיט יענעם איבער וויאזוי יענער גיבט זיך אן עצה מיט אזויפיל אנדערע זאכן, און צווישן די ווערטער לאז יענעם וויסן אז דו ביסט דא פאר אים און ער קען זיך צו דיר אויסרעדן ווען עפעס דרוקט אים און זאכן הייבן אן ווערן 'טו מאטש'....

גוי'אישע וועלט האט אויסגעטראפן, אונזערע הייליגע חז"ל האבן אונז שוין מיט טויזנטער יאר צוריק געלערנט דעם כלל אז 'חייך קודמין' – דיין לעבן קומט ערשט. עס איז באוואוסט די מעשה מיט א חסיד וועלכער איז געווען דארשטיג, און זיין חבר וואס איז געווען נעבן אים האט אויך געברויכט א טרונק. דער חסיד האט צום ערשט אנגעגאסן זיין גלעזל און נאר דערנאך געגעבן פארן חבר, ער האט דערביי מסביר געווען זיין אקט, אז נאכן נעמען פאר זיך, געבט ער דעם טרינק פארן חבר 'מיטן גאנצן הארץ'...

עס קען אמאל אויסזען פונקט פארקערט, דו זיצסט נעבן א קליין אומבאהאלפן קינד וואס דו מוזסט אים העלפן אנטון זיין מאסקע, זיכער זאלסטו יענעם העלפן איידער דיר אליינס, זיי נישט סעלפיש, און נאך אזעלכע סארט מחשבות.

געווי' די סארט מחשבות שפירט דער העלפער און כלל-טוער. יעדער ווארט אויף מיין הילף, העלפן א צווייטן איז וויכטיגער ווי העלפן זיך אליינס אא"וו. אבער ער פארגעסט אז כדי צו זיין ביכולת צו העלפן יענעם און זיך צו זארגן פאר יענעם מוזטו זיך קודם העלפן, אנדערש וועסטו פארלירן דיין אייגענעם אטעם און מער נישט קענען העלפן, נישט זיך און נישט יענעם.

## טרעף דיין אקסידזשען: די וויכטיגסטע

אלזא מיר פארשטייען שוין אז כדי צו העלפן יענעם מוז מען קודם זארגן פאר זיך. יעצט איז די שאלה ווי אזוי זארגט מען פאר זיך? וויאזוי באקומט מען אקסידזשען פאר זיך אליינס?

צום ערשט איז דא די פשוט'ע סעלף-קעיר זאכן וואס איז נוגע פאר יעדעם, און וואס איז גאר וויכטיג פאר א גוטע 'עמאציאנעלע היגיענע'. צווישן אנדערע דארף מען זיכער מאכן אז מען באקומט די ריכטיגע נערונג און היידרעישן ביידע אויף א געזונטע שטאפל, מאכן זיכער אז מען שלאפט גענוג און אין די ריכטיגע צייטן ווען מען דארף שלאפן. מען מוז זיכער מאכן צו טון גענוג איבונגען וויפיל עס פעלט אויס פארן געזונט און אין די פאסיגע פלעצער, אריינגערעכט אינדרויסן אין די נאטור. אזוי אויך ברויך מען אנהאלטן א געזונטע סאציאלע לעבן מיט חברים און משפחה (אזעלכע חברים וואס זענען נישט פארנומען צו דערציילן זייערע פראבלעמען אין די סאציאלע-צייט...).

איינמאל מען איז שוין מסודר מיט די סעלף-קעיר, זענען דא פרטים וואס באשטייען פון צוויי חלקים וואס מען דארף קענען איינציען מיט די צייט צו מאכן אז זאכן זאלן ווערן נאך בעסער.

## דער ערשטע חלק:
## מאך שלום מיט דיין מענטשליכע רעאליטעט

דער חלק נעמט אריין צו קענען לייגן דעם גאנצן הנחה אז "איך בין אלעמאל אקעי" אונטער פראגע צייכן.

דיינע געפילן מוזן ווערן אדרעסירט! בפרט אזעלכע וואס זענען מער פון די 'אומבאקוועמע' סארט און וואס שפירן אומגעוואונטשן צומאל. יעדער איינער האט צייטן וואס מען דארף הילף, און דו דארפסט דאס וויסן. ס'איז נישטא קיין שום בושה צו אנערקענען די מענטשליכע רעאליטעט אז יעדער דארף אמאל הילף.

איינמאל דו מאכסט שלום מיט דעם פאקט, דארפסטו זיך אויסשארפן צו קענען אידענטיפיצירן דיינע געפילן, און אנרופן די געפילן ביים נאמען, דו דארפסט פארשטיין וואס דו שפירסט; אויב שפירסטו אז א געוויסע זאך מאכט דיר אויפגערעגט, נעם דיר א מינוט און פרוביר צו דערגיין וועלכע געפיל דו שפירסט און וועלכע זאך האט דיר געברענגט צו דעם געפיל.

אויב דו שפירסט א געוויסע ביטערניש וואס נאגט דיר ווען איינער דערציילט דיר זיין פראבלעם, פרוביר צו טראכטן; איז דאס צוליב א געפיל פון איינזאמקייט וואס דו שפירסט? איז עס געבויט אויף א קנאה געפיל אז דו וואלסט קיינמאל נישט געקענט דערציילן דיין פראבלעם פאר יענעם מענטש? ווי נאר דו ביזסט קלאר מיט דעם געפיל און דו ווייסט שוין פון וואו דער געפיל שטאמט און די סיבה פארוואס דער געפיל קומט ארויף, איז יעצט צייט צו אדרעסירן וואס דער געפיל וואלט געוואלט זען פארראכטן, מיטן ציל אז די סיטואציע זאל זיך פארבעסערן.

א שטארקע הילף קען זיין צו טראכטן ווער וואלט געווען דער ריכטיגער מענטש זיך צו אויסרעדן איבער דיין פראבלעם. דאס הייסט כאטש וואס דו ביסט געוואוינט צו זיין פארמאכט און האלטן דיינע געפילן אינעווייניג, אבער וועלכער מענטש אין דיין לעבן וואלט יא געווען וויליג און ביכולת צו אויסהערן און פארשטיין דיין פראבלעם. איז עס דיין ווייב/מאן? דיין חבר? עלטערן? דו וועסט זיין איבערראשט פון דיינע געפינסן ווען דו נעמסט דעם מהלך.

און אפשר קענסטו דאן פרובירן צו אנפאנגן א דיסקוסיע מיט יענעם אויף א שוואכע פארנעם איבער א קליין פראבלעם, און זען וויאזוי יענער רעאגירט דערצו און וויאזוי דו פילסט זיך נאכדעם. איינמאל דו וועסט זען אז יענער רעאגירט ווי ס'דארף צו זיין און דו באקומסט א געשמאקע זיכערע געפיל, איז צייט זיך צו עפענען פאר יענעם אינגאנצן.

דא קומט אריין נאך א גאר וויכטיגע און פראדוקטיווע מיטל. אויב ישוב'סטו זיך צו פרובירן דעם מהלך פון

לחבירו יותר ממשקהו חלב – עס איז אסאך גרעסער דאס ווייס מאכן די ציינער פאר א צווייטן, דאס מיינט אים בארואיגן און מאכן שמייכלען, ווי אים צו געבן צו טרינקען מילך. דאס מיינט אז אט די אידן וועלכע זענען אייביג דא צו העלפן אנדערע שאפן זיך אומשאצבארע זכותים.

די פראבלעם ווערט אבער, אז וויבאלד יעדער זעט זיי אלס די רעטער, די אומאפהענגיגע, די שטארקע, וועלן זיי שפירן ווי זיי דארפן אלעמאל טאקע זיין אט דאס. זיי וועלן שפירן אז זיי דארפן טאקע זיין שטארק פאר זייער פאמיליע, פריינט, און קהילה, און קענען נישט ארויסווייזן קיין שום צייכן פון שוואכקייט.

זיי האבן נישט דעם לוקסוס פון לאזן זייערע פערזענליכע שוועריגקייטן זיי צו אפעקטירן, ווייל אויב יא וועט דאך נישט זיין קיינער וואס זאל זיי מחזק זיין און אויפהייבן, און עס וועט נישט איבערבלייבן איינער צו מחזק זיין אנדערע. גענוי ווי א צעבראכענע פלאש קען נישט אנגיסן יענעמ'ס בעכער, קען נישט איינער וואס האט פערזענליכע שוועריגקייטן און איז אליינס צעבראכן, ארויסהעלפן אנדערע.

דער געפיל קען לאזן די מענטשן אויסגעמוטשעט און ערשעפט, און זיי שאפן א שטארקע געפיל פון איינזאמקייט אז קיינער פארשטייט זיי נישט. און אלעמאל וואס זיי ווערן אויסגעלויבט אלס די געלונגענע אידן וואס העלפן אנדערע איבערקומען זייערע צרות, וועט א שטילע קול זיי גרידזשען אין אויער און זאגן "הלוואי וואלט איך נישט געווען דער שטארקער נפש"...

## איך וויל נישט זיין קיין דורכפאל

פאר אט די אידן איז קריטיש וויכטיג צו געדענקען: צו זיין גוט צו אנדערע און העלפן אנדערע מיינט נישט אז דו האסט נישט די זעלבע עמאציאנאלע געברויכן ווי יענעם!! נאכמאל, עס איז נישט קיין סתירה דאס אז דו ביסט א חשוב'ער איד און דו ביסט פון די גרעסטע עסקנים, מיט דעם אז דו אליין האסט אויך אייגענע געברויכן און שוועריגקייטן.

עס זענען פאראן פארשידענע סיבות פארוואס איינער זאל זיין באקוועם צו העלפן א צווייטן אנשטאט ער אליינס זאל זיין דער וואס דארף הילף. אמאל קען מען אנקוקן דאס צוקומען צו הילף פון אנדערע ווי כאילו מען איז א 'סעלף סענטערד' מענטש, אמאל קומט דאס ווייל מען שפירט אז עס קומט זיך מיר נישט די הילף אין די צייט וואס עס זענען דא אסאך גרעסערע נצרכים ווי מיר און ענדערש זאל מען זיי העלפן, אדער פשוט ווייל מען האלט אז צו זיין א נצרך איז א צייכן פון שוואכקייט, און שוואכקייט מיינט - לשיטתו - א דורכפאל.

אפגעזען וואס שטופט איינעם נישט צו וועלן נעמען הילף, איז עס אבער ווארשיינליך צוליב אן איינרעדעניש וואס מען האט אין קאפ, געבויט אויף פאלשע יסודות און מחשבות.

יעדער מענטש אויף דער וועלט האט שוועריגקייטן אין לעבן, דער 'אדם לעמל יולד' האט נאך קיינעם נישט אויסגעשלאסן, און עס מאכט נישט דעם מענטש שוואכער אדער א דורכפאל, דאס מיינט ס"ה אז ער איז א 'מענטש' פון בשר ודם. ווי אויך איז עס בכלל נישט בעל-גאווה'איש, סעלפיש און 'טראכטן-נאר-פון-זיך' דאס צו אנערקענען.

לאמיר דאס גוט געדענקען: ריכטיגע שטארקייט מיינט טון וואס מען האט צו טון ווען עס פעלט אויס, און צו ארבעטן איבערצוקומען די שוועריגקייטן, צי מיט הילף פון אנדערע צי אליין, אלעס וואס פעלט אויס דאס צו אדורכמאכן.

## ווען געפילן פארלאנגען אז מען זאל זיי אויסהערן

די געפילן פרובירן אלעמאל דיר צו מרמז זיין וואס דו זאלסט טון. סתם איגנארירן די געפילן און זיי פרובירן צו דערשטיקן גייט נישט העלפן אז זיי זאלן אוועקגיין, ס'גייט זיי נאר מאכן שטערקער און העכסט ווארשיינליך גייען זיי אויספלאצן אין צייטן און אין פלעצער וואו דו ווילסט נישט אז זיי זאלן ארויסקומען. ווי למשל דער אויסברוך וועט גיין אויף א קינד, אדער וועסטו זיין שארף צו דיינע חברים אא"וו. זיי קענען האבן געטון א קלייניגקייט, אבער וויבאלד דו האסט אן אנגעלייגטע ווייטאג וואס זיצט אין דיר און זוכט זיך צו באפרייען, וועט עס אויספלאצן אויף זיי.

דער אינערליכע שטימע וואס מיר האבן פריער דערמאנט וואס בעט זיך פאר אויפמערקזאמקייט דארף דיר, און דו קענסט זיך נישט פארהוילן פון דער שטימע.

## דער אקסידזשען מאסקע פרינציפ

אויף יעדן פליגער איידער מען הייבט זיך, שפילט מען אויף די זיכערהייט רעגולאציעס וואס מען זאל טון אין פאל פון אן עמערדזשענסי. איינע פון די רעגולאציעס לויטעט, אז אויב די לופט אין דעם פליגער פאלט און מען דארף אנטון אן אקסידזשען מאסקע, זאל מען קודם אנטון דעם מאסקע פאר זיך איידער מען העלפט א צווייטן.

דער שפריך ווארט "העלף דיר אליינס איידער דו העלפסט א צווייטן", איז גאר א גוטע געדאנק און קומט צונוץ אין אסאך תחומים אין לעבן.

און עס איז נישט קיין היינטיגע אויסטרעף וואס די

# א העלד

## נאר פאר יענעם אדער אויך פאר זיך?

### די ריכטיגע וועג וויאזוי זיך ארויסצוברעכן פון דעם לאסט פון כסדר זיין שטארק, און אנערקענען אז א שטארקער מענטש האט אויך זיינע אייגענע געברויכן



## די שטארקע העלדן צווישן אונז

יעדער קען דער סארט מענטש וועלכער וועט אייביג זיין דער אפענער אויער, דער אקסל אויף וועמען מען קען זיך אנלאנען, דער מענטש צו וועמען מען וועט זיך אלעמאל ווענדן פאר הילף און חיזוק.

עס זענען אלעמאל דא די טיפ מענטשן וואס וועלן ציען אנדערע צו זיך ווען זאכן גייען שווער. זיי וועלן אלעמאל האבן דעם ריכטיגן גוט ווארט אויפן פלאץ, און צומאל ווען עס איז דאס בעסטע גארנישט צו זאגן נאר אויסהערן וועלן זיי דאס אויך קענען. זיי ווייסן וויאזוי צו בארואיגן פיין און מיטטיילן די עול פון די שוועריגקייטן מיט די באטראפענע, און ארויסהעלפן זייערע ארומיגע צו אדורכשווימען די שווערע תקופה וואס אן זייער שטיצע וואלט עס געווען גאר שווער. אין איין ווארט, זיי האבן א פראמינענטע ראלע זייענדיג די וואס מאכן די וועלט א בעסערע פלאץ פאר אלעמען.

## הלוואי וואלט איך נישט געווען אזוי שטארק

דאס איז אלץ זייער גוט און חשוב, אונז ווייסן פון חז"ל די גרויסקייט פון ארויסהעלפן אנדערע, און טאקע די גרעסטע הילף איז מיט א גוט ווארט אדער חיזוק. די גמרא זאגט אונז (כתובות קי"א:) טוב המלבין שיניים

הרעש? וואס קען שוין געשען אז מען האלט זיך אביסל איין פון וויינען?

דער ענטפער איז זייער פשוט, לויט ווי פילע שטודיעס צייגן, איז דאס זיך איינהאלטן פון וויינען א דירעקטע גורם פון פילע פראבלעמען וואס מאכט זיך ביי קינדער און ערוואקסענע אנבאלאנגט געפילן און קאמיוניקאציע.

ווען א קינד ווערט אויפגעצויגן אז אפילו ווען עפעס גייט אים נישט גוט און באמת וואלט אים יעצט געקומען צו וויינען, טאר ער דאס אבער נישט טון וויבאלד די 'סאסייעטי' לאזט נישט, עס איז נישט אנגענומען אזוי, ווערט דאס אויסגעטייטשט ווי: באהאלט דיינע געפילן, ווייז נישט ארויס גארנישט וואס דו פילסט יעצט. און אז מען באהאלט די געפילן פון פרעמדע, נעמט נישט קיין לאנגע צייט ביז מען באהאלט דאס פון זיך אליין אויך. עס ווערט אוועקגעפאקט אין די טיפסטע קעמערלעך אינעם הארץ, עס ווערט דערשטיקט און קיינער האט דערצו נישט קיין צוטריט.

דאס ברענגט דערצו אז מען זאל זיך נישט קענען פארמעסטן מיט שווערע געפילן – וואס איז א חלק פון א מענטשנ'ס לעבן. יעדער מענטש דארף זיך צומאל ספראווען מיט געפילן וועלכע זענען נישט אויפן גינסטיגן זייט, און אז ער האט נישט קיין שום שייכות מיט זיינע געפילן קען דאס גאר שווער אויסקלאפן.

ווען עס קומט צו קאמיוניקאציע טוט דאס אויך גאר שטארק אפעקטירן די באציאונגען צווישן נאנטע מענטשן. עס איז ווי אוממעגליך אויפצובויען א גוטע נאנטע קשר מיט א מענטש ווען געפילן שפילן נישט קיין ראלע, יעדע באציאונג צווישן צוויי מענטשן ווערט אויפגעבויט דורך געפילן, און אז עס איז קיין געפילן נישט פארהאנען איז קיין געזונטע קאמיוניקאציע נישטא.

אבער וואס פעלט אויס צו רעדן איבער די נעגאטיווע זייט, לאמיר ענדערש רעדן פאזיטיוו. ווי זאך-קענער זאגן, איז וויינען גאר א געזונטע זאך פאר א מענטש. עס טוט ערמעגליכן דעם מענטש צו באפרייען פון זיין אינערליכע פיין און עמאציאנאלע ווייטאג. וויינען קען אפילו צומאל דינען ווי א טעראפי סעסיע, ווי מען קען אמאל הערן פון מענטשן אז זיי האבן געהאט א 'גוטע געוויין'. און אויך ווען איינער גייט פאר טעראפי, קען דאס וויינען זיין א חלק פונעם היילונג פראצעדור, ערלויבנדיג ארויסצוגעבן באהאלטענע איינגעגעסענע ווייטאג וועלכע ווערט אוועקגעוואשט מיטן שטראם פון די טרערן.

וויינען קען אויך אפט דינען ווי א מיטל צוזאמצוברענגען נאנטע באציאונגען מיט מענטשן, צי זאל דאס זיין וויינען פון צער, ליבשאפט אדער סיי וועלכע אנדער סארט וויינען.

## בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם

אונזער מטרה מיטן דאזיגן ארטיקל איז נישט צו זאגן אז איר זאלט יעצט גיין אין א גרינעם דינסטאג אינמיטן דעם דזשאנקשאן און זיך נעמען וויינען, דאס איז נישט וואס מיר ווילן דא אויפטון. אבער דאס יא, מען דארף וויסן אז טרערן האבן זיך זייער צייט און פלאץ, און ווען מען געפינט זיך אין אזא סיטואציע איז די געזונטסטע וועג צו לאזן די טרערן באנעצן דעם פנים און אזוי ארום מאכן דער אנגעלאדנטער נפש אסאך לייכטער.

דאס וויינען קען גענוצט ווערן ביים שמועסן מיט א נאנטער חבר אדער משפחה מיטגליד איבער אן עמאציאנאלע נושא, עס איז פארשטייט זיך גאר פאסיג ווען עס קומט צום דאווענען, ביים זינגען א ווארעמע ניגון איז אויך נישט קיין אפגעפרעגטע געדאנק צו נוצן דאס געזאלצענע טראפ אא"וו.

דער נאמען 'טרערן', כאטש דאס איז אייביג א פליסיגקייט וואס קומט ארויס פון די אויגן.. טראגט דאס בכלל נישט שטענדיג די זעלבע באדייט, עס זענען פארהאן טרערן וואס קומט אין רעזולטאט פון טרויער, עס איז דא דמעות של שמחה, עס קען זיין פיינפולע טרערן און עס קען אמאל אפילו זיין אז מען וויסט ניטאמאל פארוואס מען וויינט; עס מאכט זיך אז מען שפירט אן אינערליכע דראנג צו וויינען, אן קיין קלארע הסבר, און טאמער לאזט מען זיך וויינען פילט מען נאכדעם אסאך בעסער.

## עֵת לִבְכּוֹת וְעֵת לִשְׂחֹק

צום שלוס: אנשטאט צו אנקוקן וויינען און טרערן ווי א צייכן פון שוואכקייט און קינדעריש, לאמיר טוישן אונזער בליק, לאמיר אריינגעמען אין זיך – און דאס אויך איבערגעבן פאר אונזערע ארומיגע – אז טרערן איז פשוט א וועג וויאזוי ארויסצוגעבן אינערליכע געפילן, פונקט ווי קיינער שעמט זיך נישט צו לאכן ווען ער איז פרייליך, איז נישט קיין שום בושה צו וויינען ווען מען איז טרויעריג אדער סיי וואס אימער. פונקט ווי לאכן האט זיך זיין צייט און פלאץ, האט וויינען אויך זיין צייט און פלאץ, און סתם לאזן די טרערן אויסטרוקענען איז נישט גוט און נישט געזונט.

לאמיר אלזא טוישן אונזער שפראך, אנשטאט צו נוצן דעם סלאגאן פון: "זיי שטארק און וויין נישט." לאמיר טוישן צו: "זיי שטארק און וויין!"... און אז איר וועט דאס טון וועט אייך גוט זיין און איר וועט האבן אסאך א געזונטערע נפש!

(און יעצט, גייט צוריק צום קעפל, און מעקט אויס דעם סימן שאלה פון 'א טאטע וויינט?!' און טוישט עס צו: 'א טאטע וויינט!'.....)

פון וואו שטאמט דאס און וואס איז די ריכטיגע בליק דערויף.

אין אן אינטערעסאנטע קרישקעלע, פאר מיר גייען אריין אין די עמאציאנאלע חלק דערפון, איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז עס איז אויך דא דערפאר א ביאלאגישע ערקלערונג. עטליכע שטודיעס אדורכגעפירט אויפן גוף פון א מענטש, האבן געצייגט אז מענער האבן גרעסערע 'טרערן סטארעדזשעס' אין די אויגן ווי פרויען, וואס קען אנטהאלטן מער טרערן.

דאס ברענגט דערצו אז א מאן זאל קענען בעסער האלטן די טרערן אינעווייניג און עס קומט נישט אזוי אפט ארויס אינדרויסן. (קומענדיגע מאל דו טשעפעסט די רביצין אז זי וויינט אסאך, געדענק אז דו האסט באמת מער טרערן ווי איר....)

## מְנְעִוּ קוֹלֵךְ מִבֶּכִי

ביאלאגיע אין א זייט געלייגט, איז קלאר אז דאס נוצן די טרערן איז עפעס וואס ווערט אנגעקוקט אין די סאסייעטי ווי א שוואכע זאך. דאס פאנגט זיך שוין אן אין די פריע שטאפלען פון א יונג קינד, און ווי מער מען וואקסט אויף, ווערט דאס וויינען מער און מער אנגעקוקט ווי עפעס אן אבנארמאלע אַקט.

און ווער איז דערין שולדיג? אונז אליינס! וואס טוען אונז ווען א קינד פאלט אראפ און טוט זיך וויי? געווענליך – אפגערעדט ווען דאס איז אין פארק וואו עס זענען דא אסאך פּאָר אויגן – ווען מיר אים זאגן: "זיי שטארק (ברעיוו בלע"ז), וויין נישט!" מיר ווען גען פארן קינד אלעס אבי ער זאל נישט וויינען; פאר א קלענערן קינד וועלן מיר ארייגשטופן זיין צאמי אין מויל, א גרעסערער וועלן מיר פארגיטיגן מיט א שפיל אדער נאש, דער עיקר איין זאך: וויין נישט!

מיט אט די פעולות טוען מיר אויטאמאטיש ארייגלייגן אינעם קינד'ס מח (און אין אונזער אייגענע..), אז וויינען ווייזט אויף שוואכקייט, און אויב וויל מען זיין א שטארקער מענטש דארף מען זיך איינהאלטן פון וויינען און דערשטיקן די געפילן אינעווייניג. מען לערנט אויס די קינדער אז א שטארקער מענטש קען פארנעמען אסאך, ער דארף נישט וויינען, ער האלט זיך 'שטארק'.

דאס ברענגט דערצו אז ווי עלטער מען ווערט וויל מען דאך מער ווייזן ווי שטארק מען איז, וואס דאס באדייט דאך – לויט די איינגערעדטע שיטה – אז מען טאר נישט וויינען.

מיט דעם ווערט אונז פארענטפערט ווערן פארוואס מענער האבן אסאך מער מורא צו וויינען. מענער זענען דאך אייביג די שטארקע, אזוי האט דער באשעפער באשאפן די וועלט אז א מאן איז דער שטארקער – והוא ימשול בך. נו, אויב א שטארקער מענטש טאר נישט וויינען, מיינט דאס אז מענער זענען נישט ערלויבט צו נאס מאכן זייערע אויגן אפילו ווען זיי פילן אז דאס איז וואס וואלט נאטורליך יעצט געדארפט געשען.

## רָאִיתִי אֶת דִּמְעָתֶךָ – הִנְנִי רוֹפֵא לָךְ

דא וועלן מאנכע פרעגן א הארבע פראגע: וואס איז דער פראבלעם דערפון? יא, איך בין שוין איבערצייגט געווארן אז אונז טוען אליינס אנברענגען די סטיגמע אז וויינען ווייזט אויף שוואכקייט, איך בין שוין איינשטימיג מיט דיר אז דאס איז נישט די אמת'ע מציאות און בוכה'נען איז א העכסט נארמאלע זאך, אבער מה כל



וועג פון קאמיוניקירן האט ער נישט. ביי גאר קליינע בעיביס איז וויינען טאקע די סאמע איינציגסטע מיטל פון קאמיוניקאציע, ניטאמאל ווייזן מיט די הענט קענען זיי. דעריבער איז זייער איינציגסטע וועג וויאזוי צו לאזן וויסן אז עפעס טוט זיי ווי / זיי זענען הונגעריג / זיי דארפן עפעס, איז דורכן וויינען.

ווי מער דאס קינד אנטוויקלט זיך, פאנגט ער אן צו באקומען נייע וועגן וויאזוי זיך צו ארויסגעבן. אנגעהויבן מיטן ווייזן, דערנאך מיטן פרובירן מסביר צו זיין אָן ווערטער אז ער וויל יעצט עפעס, און פרובירט פארשטיין צו געבן אויף שטום לשון וואס זיין באגער איז (יא יא, די פראבע וואס פאלט אייביג דורך..). אפגערעדט ווען א קינד קען שוין געהעריג רעדן, דאן איז וויינען מער נישט קיין וועג פון קאמיוניקאציע.

## וּמָחָה דִּמְעָה מֵעַל כָּל פָּנִים

דאן, ווען עס איז מער נישט קיין קאמיוניקאציע מעטאד, ווערט אבער דאס וויינעראציע פארוואנדלט אין א גענצליך אנדערע צוועק, פון דעמאלט אָן דינען די טרערן צו ארויסגעבן עפעס פון זיך, עס איז געאייגנט אפצולאָדענען די אייגענע געפילן - טרויעריגע און פרייליכע צוגלייך - און זיי ארײנלייגן אין עפעס א כלי.. עס זאל נישט בלייבן בלויז ביי א געפיל.

און דאס איז די שרעקעדיגע מאנסטער פון וואס מיר ערוואקסענע האבן אזוי מורא. וואס?! איך וועל גיין מודיע זיין מיינע אינערליכע געפילן קבל עם ומלואו? מען וועט מיר דאך אנקוקן ווי א משוג.... און אפילו וויינען צווישן מיר און מיין ליבע דאכענע איז אויך נישט אזוי פשוט, ווייל דאס גייט מיר דאך מאכן זיין א שוואכער, כ'מיין א שטארקער מענטש וויינט דאך נישט, נישט אזוי?

וואס זאל מען אבער טון אז טראץ וואס אונז לעבן אין א וועלט וואס פרובירט צומאל אראפצומאלן וויינען אלץ א קינדערישע שוואכטשינקע זאך, טוט דאס מציאות פאטשן אין פנים, און מען זעט סיי פון מקורות חז"ל און אויך להבדיל פון אלגעמיינע שטודיעס און פארשונגען, אז וויינען איז א העכסט נארמאלע און געזונטע וועג פון ארויסגעבן געפילן, און יא, אפילו פאר גרויסע טאטעס.

## וְיִבְכּוּ... כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל

לאמיר צום ערשט עפענען א חומש און אנדערע ספרים הק', און זען וויאזוי אונזער אנגענומענער 'וויינענפאביע' שטימט נישט מיט די מקורות חז"ל, וואו מען זעט אז די גרעסטע 'שטערקסטע' מענטשן האבן זיך ארויסגעגעבן דורך וויינען (ווי פארשטענדליך האבן מיר נישט קיין השגה אין די הייליגע צדיקים, אבער תורה היא וללמוד אני צריך).

און לאמיר טאקע אנפאנגען מיט די הייליגע אבות הקדושים. ווען שרה אמינו איז נפטר געווארן, שטייט אין די תורה אז אברהם אבינו האט... געוויינט! (לספוד לשרה ולבכותה – בראשית כ"ג ב'). ווען אונזער הייליגער טאטע יעקב האט זיך צום ערשטן מאל געטראפן מיט רחל, האט ער געוויינט (וישא את קולו ויבך – בראשית כ"ט י"א).

ווען דער הייליגער יוסף צדיקא האט זיך געטראפן מיט די ברידערס נאך אזויפיל יארן האט ער עטליכע מאל געוויינט – סיי באהאלטן און סיי באתגליא (ויבא החדרה ויבך שמה – בראשית מ"ג ל', און שפעטער ויתן את קולו בבכי - מ"ה ב'). אזוי אויך ווען ער האט זיך געטראפן מיט זיין טאטן יעקב נאך די אלע יארן האט ער אים ארומגענומען און געוויינט (ויבך על צואריו עוד – בראשית מ"ו כ"ט, און ווי רש"י זאגט האט ער זייער אסאך געוויינט).

מיר וועלן ווי פארשטענדליך דא נישט אויסרעכענען די אלע פלעצער וואו מען זעט איבער דאס וויינען, וויבאלד מיר קענען ארויסגעבן א גאנצע בוך נאר איבער דעם. לאמיר אבער דערמאנען אויפן שפיץ גאפל עטליכע מקורות, וללמד על הכלל כולו יצא.

אין די תורה ווערט אסאך מאל דערמאנט אז 'כלל ישראל' האבן צוזאמען געוויינט, א שטייגער ווי ויבכו אותו כל בית ישראל און פיל נאך. אין גמרא טרעפט מען אָן א שיעור איבער תנאים ואמוראים וואס האבן געוויינט; בכה רבי (עבו"ז י"ז.), בכה רבי עקיבא און נאך. ווען עס קומט צום חורבן ביהמ"ק שטייט אז מען דארף וויינען און פארלאזן טרערן דערויף. פונעם אר"י הק' שטייט אז איינער וואס וויינט נישט ימים נוראים איז 'אין נשמתו שלימה'.. ביי הל' שבת שטייט אז מען טאר נישט וויינען אום שבת, אבער אויב דאס מאכט דעם מענטש רואיגער איז עס מותר. אויף מיתת צדיקים שטייט אז מען דארף מוריד דמעות זיין, וכו' וכו' וכו'.

כביכול אויפן באשעפער שטייט אויך אז ער האט געוויינט אויפן חורבן ביהמ"ק, (איכה רבה א' ט"ז) אדער ווי עס שטייט בשעה שהקב"ה זוכר את בניו ששרויים בצער בין אומות העולם, מוריד שתי דמעות לים הגדול (ברכות נ"ט.)

## נַחֲלֵי דְּמָעוֹת

נא, איז נאך דא איינער וואס טראכט אז וויינען איז א קינדערישע זאך? כ'גלייב נישט אזוי. אויב די אבות הקדושים און פילע צדיקים האבן זיך נישט געשעמט צו וויינען, און טאקע גאר אין פובליק, ווייזט דאס אז וויינען איז נישט קינדעריש און ווייזט נישט אויף קיין שום שוואכקייט.

לאמיר אויב אזוי פארשטיין, פארוואס איז דאס צווישן אונז אנגענומען אז וויינען איז עפעס וואס געהערט נאר פאר קינדער און פרויען? (אפשר אויב ביסטו אן אונגארישער האסטו נאך א שטיקל היתר צו מעגן אמאל וויינען...)

### רָאִיתִי אֶת דִּמְעוֹתֶיךָ

# א טאטע וויינט?!



"וואס?! א טאטע קען וויינען???" פרעגט מיר מיין אינגעלע מיט א תמימות נאכן הערן פון זיין שוועסטערל איבער א טאטע וועלכער האט געוויינט ביי א לויה.

נא, וואס זאגט איר? קען א טאטע וויינען? פאסט עס בכלל פאר א טאטע צו וויינען?

אינעם דאזיגן ארטיקל וועלן מיר ארייננקריכן אביסל טיפער אינעם עולם הבכי. וואס איז דאס וויינען? פאר וועם איז עס באשאפן געווארן? וואס מאכט א מענטש וויינען? איז עס א גוטע זאך צו וויינען אדער פארקערט? טוען טרערן וויזן אויף א שוואכקייט? און נאך פילע אינטערעסאנטע קרישקעלעך ארום די טרערן אינדוסטריע

## וְהִנֵּה הַנַּעַר בֹּכֶה

בעפאר מיר וועלן ארייננקריכן אביסל טיפער אין אייערע אויגן צו באהאנדלען די געזאלצענע פליסיגקייט וואס געפינט זיך דארטן און ווען עס איז יא אדער נישט פאסיג דאס ארויסצולאזן, לאמיר ערשט אנהייבן פון א' און פארשטיין פאר וועמען איז דאס מושג פון וויינען באשאפן געווארן.

ווי ווייט איך ווייס, איז וויינען באמת א קינדערישע זאך, עס איז געמאכט פאר בעיביס וועלכע קענען נאכנישט רעדן און אויך אביסל פאר קלענערע קינדער. איך זאג נישט, אביסל האבן די נשים צדקניות אויך גע'לקח'נט פונעם היכל הטרערן, אבער ערוואקסענע מענער? מאן דכר שמיה, רעד אפילו נישט דערפון ווייל ס'איז בזיונות...

לאמיר דא אצינד צונעמען אביסל די זאך, און לאמיר טאקע אנהייבן פון א קינד'ס געוויינערייען, וואס דאס איז דאך כולי עלמא מודי אז עס איז א 'נארמאלע' זאך.

א בעיבי נוצט זיך גאר אסאך מיטן וויינען, ווייל קיין צווייטע

אסאך סיבות, ס'איז דא א ביכל, געשריבן געווארן דורך א לאנג-יעריגער טעראפיסט, 'די באדי קיפס די סקאור', וואס שילדערט זיינע פערזענליכע עקספערימענטן וואס ער האט געזען דורכאויס די יארן, בפרט ווען ס'איז געקומען צו האנדלען מיט אזעלכע וואס זענען אריבער טראמאטישע איבערלעבענישן.

שרייבט ער דארט, אז ער איז צוגעקומען צו די אנערקענונג אז 'רעדן טעראפי' איז נישט קיין גענצליכע לעזונג פאר אלעמען, עס זענען דא אזעלכע וואס דארף נוצן אנדערע סארטן טעראפי, ווי צום ביישפיל סאמעטיק טעראפי, EMDR, סאונד היילונג אא"וו.

ס'איז וויכטיג צו דערמאנען וואס מ'האט שוין פריער ערוועגט, אז אויב שוין נאכן גיין צו טעראפי פאר א ווילע שפירט מען נאכאלץ אז מ'ריקט זיך נישט פאראויס זאל מען זיין אפן דערוועגן, און מ'זאל עפענען א דיאלאג מיטן טעראפיסט צו הערן וועלכע נאך סארטן טעראפי מאדעלן עס קען מעגליך זיין א ריכטיגע טויער אין וואס די הארץ זאל זיך קענען אינגאנצן עפענען.

## קען מען ווערן געהאלפן ביי טעראפי אויב קומט מען ווייל א צווייטער שיקט?

מ'קען נישט ווערן געהאלפן אויב מ'וויל נישט אליין ווערן געהאלפן, עס גייט אויף אזוי ווייט, אז אפילו ווען מ'קומט אליין צו טעראפי אנדעם וואס א צווייטער זאל שיקן קען אויך זיין א מציאות אז מ'זאל קומען צו טעראפי בלויז אויף צו באקומען א גוטע געפיל פון דעם טעראפיסט, רעקיגנישען און וועלידעישן, אנדעם וואס מ'זאל זוכן צו אנקומען צו א ציל. דאס וועט אוועקנעמען יעדע מעגליכקייט פון קענען זען סיי וועלכע טוישונגען לטובה.

## פארוואס זאל מען נישט וועלן ווערן געהאלפן?

דאס ווארט 'טויש' קען מאכן דערשראקן די מח, און עס קען צוברענגען אז מ'זאל נישט וועלן פרובירן, בלויז דאס אז מ'איז שוין צוגעוואוינט פון יארן לאנג מיט די סטאטוס-קווא איז שוין גענוג סיבה פארוואס נישט צו זוכן אז דאס לעבן זאל זיין אנדערש אפילו ווען די יעצטיגע מציאות איז ארומגענומען מיט שוועריגקייטן.

עס קען גיין אויף אזוי ווייט, אז א קליענט קען אריינקומען צו א טעראפיסט און זיך אליין איינרעדן אז ער איז דא זיך צו העלפן, אבער אין פאקט חוש'ט ער מיט זיך אליין, און ער איז בכלל נישט אינטערעסירט, ער וועט איינרעדן זיך אליין מיטן טעראפיסט איינאיינעם.

כדי צו קענען זען עכטע שינויים אין טעראפי פארלאנגט זיך צו זיין גאר אפן מיט זיך אליין אנדעם וואס מ'זאל זוכן צו באהאלטן חלקים פון זיך. מ'מוז נישט זיין גרייט צו רעדן וועגן אלעס שוין אין די ערשטע סעסיע, אבער מ'דארף יא זיין גענוג אפן זיך צו קוקן אין פנים אריין, און אזוי צו האבן די מעגליכקייט צו קענען צוביסלעך אריינגיין טיפער און טיפער.

## וואס איז אייער מיינונג איבער פארשידענע אלטערנאטיווע היילונג מיטלען וואס קומט אריין שטערקער אין די לעצטערע יארן?

איך האב נישט קיין סאך אינפארמאציע דערוועגן, איך ווייס יא אז עס קען זיין געפארפול און מ'מוז וויסן וואס מ'טוט, מ'קען נישט בלויז נאכלויפן יעדע אנאנסירונג וואס טוט פאמפען א נייע היילונג מיטל וואס פארשפרעכט צו מאכן ניסי ניסים.

## ביים גיין צו טעראפי איז א טובה צו מיטטיילן פאר ארומיגע דערוועגן אדער איז בעסער דאס צו האלטן פריוואט צווישן זיך?

ס'איז זייער גוט צו מיטטיילן מיט אנדערע, אבער בלויז וויפיל מ'טוט פאר די אייגענע בענעפיט, ווען עס הייבט אן ווערן א פרעשור צו מיטטיילן ווייל די ארומיגע ווילן הערן וויאזוי עס איז געווען קען עס ברענגען אן אנגעשטרענגקייט.

עס קען צוברענגען אז בשעת'ן זיצן ביי די סעסיע זאל מען אנהייבן שפירן א דרוק, און נישט קענען זיין זיך אליין ווייל מ'גייט דאך שפעטער דארפן געבן א דין וחשבון. מ'דארף זיך אויסלערנען וויאזוי צו לייגן גרעניצן איבער זיך אליין און וויסן וואס מ'וויל דערציילן און וואס נישט.

## וואס קען מען זאגן פאר אזעלכע וואס וואלטן זיך ווען געוואלט גיין העלפן אבער זיי האבן מורא דערפון, און שטיפן עס שוין אפ לאנגע יארן?

איך וואלט געזאגט אז ס'איז בכלל נישט אזוי שרעקעדיג ווי מ'שטעלט זיך פאר. טעראפיסטן זענען געלערנט וויאזוי צו אהערשטעלן אן ענווייראמענט וואס זאל געבן די אפנקייט אז מ'זאל זיך צוביסלעך קענען עפענען אנדעם וואס מ'זאל שפירן אז דער טעראפיסט וועט חלילה אראפקוקן אדער דן זיין.

די טעראפי צימער איז א מקום וואו אזויפיל האבן שוין געטראפן די ליכטיגקייט מיט וואס זיי האבן געטראפן א נייע שאנס אין לעבן, און האבן אנגעהויבן לעבן אן אמת'ן לעבן, זיי האבן איבערגעלאזט די שוועריגקייטן אין די עבר, און האבן אנגעהויבן לעבן אן אנגעפילטע לעבן מיט סיפוק.

איך האב שוין פערזענליך געזען אזויפיל קליענטן אנקומען גאר ווייט, אז איך בין קאנפידענט צו זאגן פאר אלע וואס מוטשענען זיך מיט זייער מענטל העלט אז זיי זאלן געבן א שאנס פאר טעראפי.

## א דאנק ר' דניאל פארן אונז אויסקלארן אזוי קלאר אלעס ארום טעראפי. מיר זענען זיכער אז דאס וועט זיין א תועלת פארן ציבור.

אין אנדערע, אבער אזוי לאנג ווי דער קליענט וועט זיין אפן אין די שוועריגקייט, און וועט אנערקענען אז ער מאנגלט אין קענען טראסטן אנדערע, וועט דאס אים געבן די מעגליכקייט זיך צו קענען צוביסלעך צוריקכאפן אויפן וואגן, און אזוי קענען מיט די צייט אנהייבן זען פארשריט.

די רעצעפט צו זען אן עכטע טויש, איז מיטן באקומען א שטארקע צוטרוי אין דעם טעראפיסט, מ'דארף שפירן באקוועם אין די טעראפי צימער, אז מ'זאל באמת קענען ארייגגיין אין זיך אליין ביז אין די טיפעניש.

אודאי זוכט מען נישט צו ווערן באזונדער באקוועם אין די טעראפי צימער, ס'איז נישט א פלאץ צו אפזיצן לענגער ווי עס פארלאנגט זיך, אבער אזוי לאנג ווי מ'איז דארט, פארלאנגט זיך צו שפירן אז מ'איז אין א פארזיכערטע זאנע וואו מ'קען זיך עפענען.

## ווִיאזוי באקומט מען די צוטרוי?

דער טעראפיסט מיטן קליענט מוזן זיין צוגעפאסט, זיי מוזן אויפבויען א געוויסע פראפעסיאנאלע רילעישנשיפ וואס זאל ברענגען די צוטרוי איינער אינעם צווייטן. דער קליענט מוז שפירן אז דער טעראפיסט זעט נאך א גוטע עתיד פאר אים, און דער טעראפיסט מוז שפירן אז דער קליענט גלייבט אז זיין זיצן דא גייט אים מאכן פאר א בעסערע מענטש.

## פון די אנדערע זייט איז אוודאי נישט גוט צו האבן בלינדע צוטרוי, וויאזוי מאכט מען זיכער צו האבן די ריכטיגע באלאנס?

האבן צוטרוי מיינט אז מ'גיבט אויף קאנטראל, און מ'לאזט זיך עפענען צו קענען אנהייבן די ארבעט, אבער דאס קומט זיכער מיט א תנאי, אז נאכן זיין אין טעראפי עטליכע חדשים זאל מען זיך אליין קענען ענטפערן וואס מ'האט אויפגעטון דורכאויס די פראצעדור.

אויב מ'האלט שוין נאכן זיין עטליכע חדשים אין טעראפי, און מ'קען זיך נישט אליין ענטפערן וואס מ'האט אויפגעטון, דעמאלס איז גאר וויכטיג דאס ארויפצוברענגען אין די טעראפי סעסיע. ס'איז וויכטיג צו זיין אפן, אמאל וועט מען טוישן די ריכטונג און צוגאנג, און דאס וועט ברענגען בעסערע פארשריט, אין אנדערע פעלער וועט דאס צופירן צו א מסקנא אז מ'דארף גיין זוכן אן אנדערער טעראפיסט, אדער אנדערע סארט מיטלען.

## וויאזוי קען מען מעסטן הצלחה? דארף מען תיכף זען טוישונגען אויף א למעשה'דיגע פארנעם?

אמאל וועט הצלחה באדייטן מער משמעות'דיג וואס מ'קען אנכאפן מיט ווערטער. צום ביישפיל ווען מ'זעט אז זינט מ'האט אנגעהויבן גיין צו טעראפי טוט די טאג

גיין גרינגער, עס שטייט זיך אויף לייכטער, מ'קומט זיך בעסער אויס מיט די נאנטע.

אבער נישט אייביג וועט דאס זיין די כלל, עס קען אמאל פארלאנגען מער צייט צו אנקומען צו הצלחה, אבער טיף אינערליך פארלאנגט זיך יא צו שפירן א טויש, אויב הייבט מען נישט אן שפירן רואיגער מיט זיך אליין, און מ'שפירט נישט אז די ארבעט טוט ווירקן אויף די אינערליכע קאמערלעך, דעמאלס איז וויכטיג דאס ארויפצוברענגען אויפן טיש, צו זען וויאזוי מ'קען יא אנהייבן פארן אין א בעסערע ריכטונג.

פון דער זייט פונעם טעראפיסט פארלאנגט זיך אויך אן אחריות צו שטיין על המשמר, און זיכער מאכן אז מ'גיבט נישט אויס קיין איבריגע צייט און געלט. א קליענט וועט נישט אייביג וויסן וואס צו ערווארטן, און וועט נישט וויסן וויאזוי צו נעמען אן עקזיט פלאן, אבער דער טעראפיסט האט די גרעסערע ראלע צו זען די טויש געשען.

## ס'איז דא אזויפיל סארט טעראפי מעטאדן, יעדער טעראפיסט האט זיך זיין אייגענע מאדעל מיט וואס ער ארבעט, וויאזוי ווייסט א קליענט צו וועמען זיך צו ווענדן? וועט א קליענט גלייך רופן א טעראפיסט, אדער איז דא א סיסטעם פון רופן א כללות'דיגע האטליין, און פון דארט באקומען קלארע אנווייזונגען וועלכע סארט טעראפי ס'איז בייהילפיג?

אין די פריוואטע סעקטאר איז נישט דא קיין עכטע וועג וויאזוי צו באקומען אזעלכע סארט אינפארמאציע, אין 'ביקור חולים' ארבעט מען יא שטארק אויף אזא מהלך, צו ארייננקוקן אין די שוועריגקייטן פון פארדעם, און אזוי זען וועלכער טעראפיסט עס וועט זיין די מערסטע פאסיג.

פערזענליך האלט איך אז ס'איז אסאך מער אנגעהאנגען אין די ענווייראמענט צווישן דעם טעראפיסט און דעם קליענט ווי אין די מעטאדן וואס מ'נוצט. ס'איז אמת אז יעדער טעראפיסט האט זיך זיין אייגענע מאדעל, אבער מ'קען געהאלפן ווערן מיט אסאך סארט מיטלען, און ס'איז נישט דא בלויז איין מעטאד וואס מ'קען דורכפירן ביזן טרעפן די ליכטיגקייט ביים ענדע פונעם לאנגען טונעל.

## ס'זענען דא אזעלכע וואס זאגן אז זיי גייען שוין יארן צו טעראפי, אבער נאכאלץ זעען זיי נישט די ליכטיגקייט ביים ענדע פון די טונעל, וואס איז פשט דערפון? איז דא אזא מציאות אז געוויסע סארט מענטשן קענען נישט ווערן געהאלפן דורך טעראפי?

ס'איז זייער א טרויעריגע שאלה, עס קען שטאמען פון

רעזולטאטן, אבער ווען עס קומט צו טעראפּי איז די מעשה אינגאנצן אנדערש, מ'רעדט דאך פון א נשמה שפראך, וואס פארלאנגט בעיקר אז דער טעראפּיסט זאל זיין הונדערט פראצענט אריינגעטון אין זיין אויפגאבע, דעריבער איז וויכטיג אז די מעטאד וואס מ'באנוצט זיך זאל רעדן צו די אייגענע הארץ, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין בס"ד.

אין קורצן וואלט איך געזאגט, אז די מעטאד וואס איך נוץ איז א צוזאמשטעל פון די יארן ערפארונג, איניינעם מיט מיין פערזענליכע צוגאנג צו טעראפּי, וואס מיט די ביידע איניינעם האב איך ב"ה אויסגעבויט א וועג וויאזוי צו קענען העלפן מערערע.

## אויפוואכונג איבער מענטל העלט

### ■ אין די לעצטערע יארן איז די טעמע איבער מענטל העלט אין די היימישע וועלט אריבער א גרויסע טראנספארמירונג, מ'קען שוין הערן ווי חברים און נאנטע רעדן צווישן זיך איבער זייערע טעראפּיסטן, די סטיגמע איז נאכאלץ גרויס, אבער אויסערליך קוקט אויס אז זאכן האבן זיך געטוישט לטובה, זעט מען די טויש אין די טעראפּי צימער אויך?

ס'איז א גוטע פראגע, איך קען זאגן אז מ'זעט היינט ווי קליענטן קומען אריין מער קאנפידענט און פרייליך. אמאל ווען מ'איז שוין יא געקומען צו טעראפּי איז עס געווען ארומגענומען מיט אסאך מער בושה און זארג, היינט איז עס מער פראדוקטיוו און לכתחילה.

ס'איז אויך אינטערעסאנט צו אבזערווירן, אז אין מיין פראקטיצירונג אין די היימישע וועלט זע איך בעיקר יונגע קליענטן, דאס הייסט אז מ'זעט אז די יונגערע דור וויל זיך מער העלפן, נאכן ווערן ערצויגן אין א דור וואס מ'האט שוין מער גערעדט וועגן טעראפּי, און ס'איז וויניגער סטיגמאטיזירט.

איך זע אויך אז קליענטן ווילן זיין מער אקעי צו מיטטיילן זייער פארשריט מיט ארומיגע פאמיליע מיטגלידער, און ווילן וויניגער מורא האבן פון די אייגענע שאטן, אבער אין דער זעלבער צייט זעט זיך נאכאלץ אן א שטארקער פחד ארום די טעראפּי וועלט, ביים אריינקומען האט מען מורא אז קיינער זאל נישט זען, ס'איז נאכאלץ נישט אינגאנצן אנגענומען, און ס'בלייבט איבער צו האפן אז עס זאל ווערן אפילו מער אקצעפּטירבאר.

### ■ איז א טובה אז מ'רעדט אזויפיל פון זיך גיין העלפן, ברענגט עס נישט אז מ'זאל ווערן אבסעסירט מיטן זיך גיין העלפן?

עס האלט נאך זייער ווייט פון דארט, הלואי זאל מען קומען וויפיל מ'דארף, און נאכדעם וועט מען זיך אנהייבן זארגן אז מ'זאל זיך נישט העלפן צופיל.

איך וואלט נישט געזאגט אז די פאקוס זאל זיין צו רעדן אסאך איבער טעראפּי, ס'איז אבער יא וויכטיג צו רעדן אפן איבער געפילן, און געבן א שפראך פאר קינדער און ערוואקסענע צו קענען אויסדריקן וואס זיי שפירן, כדי עס זאל נישט מיט די צייט פארוואנדלט ווערן אין מער ערנסטע שוועריגקייטן.

איך זע קלאר, אז ווען עס קומט צו אויסדרוקן געפילן, איז דא א שטארקע צוריקגעהאלטנקייט, ווען מ'ווערט נישט ערצויגן מיט א שפראך איבער געפילן וועט מען נישט וויסן צו זאגן וואס מ'שפירט, און מ'וועט אליין נישט קענען דעפינירן וואס ס'טוט וויי.

### ■ ווען איז וויכטיג פאר א מענטש צו גיין זוכן הילף?

די ריכטיגע וועג צו קומען פאר הילף וואלט געווען ווען מ'הייבט אן באמערקן אז ס'איז דא פריע צייכענעס פון עמאציאנאלע שוועריגקייטן, און נישט ווארטן אויף ווען מ'געפינט זיך שוין אין א קריזיס. מערסטנס מענטשן קומען ווען זיי געפינען זיך שוין אין קריזיס, אין א צייט ווען זיי שפירן ווי אלעס אין דער וועלט האט זיך אפגעשטעלט, און זיי קענען נישט מאכן קיין ווייטערדיגע פארשריט.

ס'איז קלאר אז ווען מ'איז פראדוקטיוו, טוט עס לייכטער מאכן די גאנצע היילונג פראצעדור, און מ'קען זיך אסאך שנעלער ארויסזען פונעם קלעם, אבער מ'דארף זיין גרייט זיך צו קומען העלפן, און מ'קען נישט אריינברענגען קליענטן מיט א רעדער שטול.

## מצליח זיין ביים זיך גיין העלפן

### ■ וואס איז די ריכטיגע שליסל צו מצליח זיין אין טעראפּי?

צו מצליח זיין פארלאנגט זיך אסאך כלים, אין קורצן וואלט איך געזאגט אז ס'איז שטארק אנגעוואנדן אין די צוטרוי צווישן דעם קליענט אין דעם טעראפּיסט, אויב דער קליענט שפירט זיך פארזיכערט ביי די סעסיע, וועט עס אים געבן א געוואלדיגע אפנקייט צו קענען אריינגיין טיפער, אבער אויב די גאנצע סעסיע איז ארומגענומען מיט חשדות, נעמט עס אוועק די מעגליכקייט צו קענען זיין פראדוקטיוו.

די שוועריגקייט וואס געשעט זייער אפט איז ווען א קליענט האט געהאט א שווערע עבר, און דאס נעמט אים אוועק זיין מעגליכקייט צו קענען אויפבויען צוטרוי

# א געפיל צו העלפן אידן

■ **א גוטן ר' דניאל, ווען זענט איר אריין אין דער וועלט פון טעראפי?**

איך האב אנגעהויבן פופצן יאר צוריק.

■ **היינטיגע טעג זעט מען פון אלע זייטן ווי אידן גייען זיך לערנען, אבער פופצן יאר צוריק איז נאך געווען ממש אנהייב פון די ווינט, וואס האט אייך געברענגט אריינצוגיין אין אזא פארצווייגטע וועלט וואס איז בכלל נישט לייכט?**

איך האב געהאט זייער א שטארקע געפיל צו קאנסולטן מענטשן, ווען אימער איך האב דאס געטון האט עס מיר געגעבן די געפיל אז דאס איז מיין חוב אויף דער וועלט, און דאס האט מיר געפירט צו ווערן אנטשלאסן זיך צו גיין לערנען וויאזוי צו העלפן אנדערע.

■ **היינטיגע טעג זענט איר אויך באקאנט מיט די צענדליגע שעות וואס איר גיבט אוועק פאר 'ביקור חולים', ווילאנג זענט איר שוין פארמישט אין ביקור חולים, און וואס האט אייך געשטופט דאס צו טון ווען איר קענט אין דער זעלבער צייט פראקטיצירן פריוואט?**

איך ארבעט שוין נאנט צו צען יאר אין ביקור חולים, די סיבה פארוואס איך טו עס איז זייער פשוט, ווי געזאגט שפיר איך א געוואלדיגע התחייבות צו העלפן אידן, אודאי דארף מען פארדינען געלט, אבער דאס איז בכלל נישט מיין דרייוו, זיין א טעראפיסט קען נישט זיין קיין ביזנעס מאדעל, ס'מוז זיין א טיפע אנערקענונג אז מ'קען טוישן לעבנס פון אנדערע און דאס גיבט די חיות.

# אראפגיין ביזן שורש

■ **טעראפי איז א ריזן ווארט, וואס נעמט אריין אין זיך א ברייטע ספעקטרום פון צענדליגע סארט מיטלען און מעטאדן, וויאזוי וואלסטו דעפינירט די מאדעל מיט וואס דו ארבעטסט מיט קליענטן?**

ס'האט מיר גענומען א לאנגע צייט צו אויפבויען מיין מהלך און צוגאנג, ס'איז שווער צו שילדערן אויף א ספעציפישע פארנעם, אבער בכלליות קען איך זאגן אז איך ארבעט זייער שטארק אויף א 'האליסטיק מאדעל'.

דאס הייסט אז איך וועל ווייניגער קוקן אויף די ספעציפישע לאקאלע אישו וואס האט זיך געמאכט, נאר איך וועל אנקוקן דעם קליענט ווי א קומה שלימה, און זוכן צו דערגיין דער שורש וואו דער מענטש מאנגלט, וואס דאס טוט גורם זיין שוועריגקייטן.

לאמיר נעמען א משל, ווען א קליענט קומט אריין און זאגט אז ער שפירט דעפרעסט, וועל איך זיך ווייניגער אפגעבן צו ארבעטן אויף די דעפרעסיע, נאר איך וועל אריינקוקן אין די נפש מיט א ברייטע בליק, און זוכן צו פארשטיין דער שורש הדבר וואס האט צוגעפירט צו די דעפרעסיע.

די דעפרעסיע איז שוין די רעזולטאט פון א טיפע קריץ אין דעם נפש, אנשטאט אויסגעבן כח אויף די רעזולטאט וועל איך אריינגיין טיפער, און ארבעטן צו פארבעסערן די יסודות אינעם נפש, וואס דאס זאל געבן די מעגליכקייט פאר דעם נפש זיך צו קענען היילן אליין.

די סיבה פארוואס איך האב גענומען אזא מהלך, איז געקומען פון מיין עקספיריענס נאכן האנדלען מיט אזויפיל קליענטן. ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען אז ווען מ'טוט זיך אפגעבן מיט די שוועריגקייט אנדעם וואס מ'טוט זיך דערגרינטעווען, איז עס בלויז א צייטווייליגע היילונג, און בלויז ווי א באנדאזש אויף א מכה וואס פארלאנגט באהאנדלונג.

דער מהלך פון אריינגיין טיפער און אפלערנען די ברייטע יסודות אינעם נפש צו טרעפן וואו עס שטעקן די שוועריגקייטן, קען צומאל זיין א דרך ארוכה, עס קען נעמען צייט ביז ווען דער קליענט וועט אליין אנהייבן כאפן און זיך עפענען, אבער ווען מ'קומט אן צו קלארקייט עפנט זיך אויף א נייע וועלט, און עס גיבט די מעגליכקייט צו ברענגען א ליכטיגקייט אין לעבן בס"ד.

■ **נאכן האבן א ברייטע בליק וויאזוי צו אנקוקן א שוועריגקייט אין די מענטל העלט צושטאנד, איז דא אזויפיל סארט מעטאדן מיט וואס זיך צו באנוצן, ס'איז דא אלע סארט מיטלען, אנגעהויבן פון פארשידענע סארטן 'רעדן טעראפי' אא"וו, וויאזוי איז א טעראפיסט מחליט וועלכע מעטאד ער וועט נוצן צו היילן קליענטן?**

ס'איז גאר א שווערע פראגע וואס וועט ליגן ביי יעדן טעראפיסט אין קאפ, און עס וועט זיך האלטן אינאיין אויסברייטערן לויט די ערפארונג וואס מ'האט.

טעראפיסטן וועלן דארפן קענען ארבעטן מיט מער ווי איין מעטאד, און וועלן געווענליך אויסבויען אן אייגענע שניט וואס איז א צוזאמשטעל פון עטליכע מעטאדן, און מ'וועט דאס בייגן געוואנדן לויט די צושטאנד פון דעם קליענט.

אין די מאטריאליסטישע וועלט ווען מ'וויל וויסן וועלכע לעזונג צו נוצן פאר א געברויך, וועט מען מאכן ריסוירטש צו זען וואס ס'ברענגט די מערסטע

# טעראפי קען
# טוישן דיין לעבן



לאנגיעריגער היימישער טעראפיסט הר"ר **דניא-ל גלאס** הי"ו, נעמט אונז אריין אין די טעראפי צימער, צו פארשטיין געבן וויאזוי טעראפי קען זיין די געוואונטשענע אונטערנעמונג מיט וואס צו קענען אויסהיילן יארן פון וויטאג, ביזן זען די ליכטיגקייט ביי די צווייטע זייט טונעל

אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט איז טעראפי געווען ווילד פרעמד, מ'איז אוועקגעשטאנען דערפון און אירע אומבאשרייבליכע בענעפיטן. די סטיגמע וואס האט ארומגענומען דער גאנצער נושא ארום און ארום, האט אפגעהאלטן מערערע פון גיין נעמען די נויטיגע הילף.

א גרויסע טייל פון די זארג איז באשטאנען צוליב וואס אין יענע יארן איז נאכנישט געווען קיין גרויסע אויסוואל פון היימישע טעראפיסטן זיך אפצוגעבן מיט די האקעלע ארבעט, און דאס האט געברענגט שטארקע זארג זיך אריינצולאזן אין דער גאנצער נושא.

אין די היינטיגע וועלט איז אבער אנטשטאנען א גרויסע רעוואלוציע אין דעם געביט, מיט די אויפשטייג פון אזויפיל היימישע טעראפיסטן, וואס זענען זיך געגאנגען לערנען אויף א פראפעסיאנאלע פארנעם, און מיט א גרויסע אויפוואכונג איבער די וויכטיגקייט פון באהאנדלען די גייסטישע געזונט גענוי ווי מ'באהאנדלט די פיזישע געזונט, האט זיך דער גאנצע נושא געגעבן א שטארקע ריק.

איינער פון די היימישע טעראפיסטן וואס האט שוין געהאט די זכיה צו העלפן פילצאליגע אידן איז הר"ר דניאל גלאס הי"ו - ער איז פון די נחשונים וואס האבן שוין לאנגע יארן צוריק אנגעהויבן פראקטיצירן טעראפי, ער טוט דאס סיי אין די פריוואטע סעקטאר, ווי אויך אונטער די שירעם פון 'ביקור חולים', ווי ער שענקט אוועק צענדליגע שעות פאר אידן וואס דארפן צוקומען צו עמאציאנאלע הילף.

צוליב דעם וואס ער איז שוין אריינגעטון אין דער וועלט פון מענטל העלט פאר אזויפיל יארן האבן מיר זיך פארבינדן מיט אים כדי צו באקומען א כלליות'דיגע טיפע אריינבליק אין דער וועלט פון טעראפי, כדי ארויסצובאקומען קלארקייט מיט וואס צו קענען פארשטיין וויאזוי מ'קען בס"ד מצליח זיין מיטן זיך גיין העלפן.

העלפט פארמיידן די ספעציפישע דעפרעסיע וואס קומט מיט די סעזאנען (seasonal depression).

**איבערלעבן דאנקבארע געפילן טוישט די מוט.** דאס עצם איבערלעבן א מינוט וואס איר האט געפילט מורא'דיג דאנקבאר, קען דערהייבן אייער מוט אויפן פלאץ. טוט עס 'יעצט' למעשה – מאכט צו אייערע אויגן, דערמאנט זיך אין א מינוט ווען איר האט געפילט שטארק דאנקבאר צו איינעם, און פילט עס נאכאמאל איבער פון פריש. גערענדיגט? אהה, ס'פילט זיך גוט יעצט!

**זיך האלטן נאס טוט אפעקטירן פרייליכקייט.** א מענטש ברויך אייביג זיכער מאכן אז ער פארמאגט אין זיך גענוג פליסיגקייט, וויבאלד אפילו א לייכטע אויסגעטרוקנטקייט קען ברענגען נערוועזקייט, א שלעכטע מוט און שוואכע פאקוסירונג. נו, גייט יעצט און טרינקט א פיינעם גלעזל וואסער. אהה, להחיות בהם נפש כל חי.

## די שייכות צווישן די גוף און די מח

**די פארדייאונג סיסטעם איז משפיע אויף די מוט.** די מאגן טוט פראדוצירן אזויפיל ווי 90 פראצענט פון די גוף'ס סעראטאנין. דאס ווייזט וויאזוי די פארדייאונג סיסטעם איז געקניפט און געבינדן מיט די עמאציאנאלע געזונט, כאטש וואס די פארבינדונג צווישן דעם מאגן/מח מיט א מענטש'נס מוט ווערט נאך געפארשט דורך סייענטיסטן.

**א שמעק טוט אויפוועקן זכרונות.** די חלק אינעם מח וואס איז געאייגנט פאר שמעק, איז דיירעקט פארבינדן מיט די זכרון און עמאציעס. דאס איז די סיבה פארוואס א שמעק פילט צומאל פיל מיט נאסטאלגיע. טראכט אריין א מינוט – וועלכע ריח ברענגט אייך א באקוועמליכקייט געפיל? גייט שוין שמעקן די געווירצן וואס ברענגען אייך גוטע זכרונות.

## הלכה למעשה

אז איר האט דורכגעליינט דעם ארטיקל, זענט איר אן קיין ספק ערשטוינט געווארן וויאזוי יעדע קליינע פעולה וואס מיר טוען האט אזא ווייטגרייכנדע אפעקט אויף אונזער מח, און כאטש וואס עס קען צומאל אויסקוקן ווי קליינע אומאפעקטירנדע פיזישע מעשים, דאך טוט דאס האבן גאר א שטארקע השפעה אויף אונזער מח און הארץ און די גאנצע עמאציאנאלע חלק פון א מענטש.

מען רעדט דא פון א קליינע שפאציר, א שיינע קאמפלימענט צו זיך אליינס, א גלעזל וואסער, א גוטע שמעק אא"וו, און דאס קען אפעקטירן אייער גאנצע טאג.

אלזא, לאזט דאס נישט בלויז ביים ליינען, נעמט אריין די אלע זאכן אין אייער קאפ, און פרובירט דאס צו טון למעשה. איר מוזט אוודאי נישט טון אלעס אויף איינמאל, אבער פרובירט יעדן טאג צו טון כאטש איין פעולה וואס זאל אייך ארויסהעלפן און מאכן דעם טאג גרינגער.

**אסאך הצלחה!**



טון היינט, וואס זאל אייך מאכן גרינגער, לייכטער און געשמאקער אויפן הארצן.

## איבער אייער מח און איר היילונג

**אייער מח קען זיך טוישן נאך א טראומא.** צי האט איר געוואוסט אז סטרעס און טראומא קענען טוישן אייער DNA אויסדרוקן! דאס געשעט דורך א געוויסע פראצעדור וואס ווערט אנגערופן עפידזשענעטיקס (epigenetics). די גוטע נייעס איז, אז טעראפי און היילונג עקספיריענסעס קענען העלפן צו איבערדרייען געוויסע פון אט די טוישונגען.

**אייער מח האט ליב זיך צו לערנען.** ווען איר פרובירט אויס עפעס ניי, טוט דאס ערוועקן די נאוראפלעסטיסיטי (neuroplasticity) און דאס האלט אייער מח יונג און בויגזאם. לאמיר עס נעמען אויף למעשה: פרובירט אויס עפעס א קליינע נייע זאך די וואך; דאס קען אפילו זיין א נייע וועג אהיים, צי א נייע רעצעפט ביים קאכן/באקן וכדו'.

**שלאפן העלפט פארמעקן עמאציאנאלע ווייטאג.** דורכאויס א טיפע שלאף, טוט אונזער מח איבערגיין און נאכאמאל פראצעסירן זכרונות, און טוט ווייכער מאכן די עמאציאנאלע אפעקטס פון ווייטאגליכע געשעענישן. דאס באדייט אז שלאפן איז ווי א מעדעצין פאר אייער מח. פרובירט אויב איר קענט דעם נאכט צולייגן א האלבע שעה צו אייער שלאף.

**מוזיק טוישט אייער מח.** צוהערן צו אייערע באליבטע ניגונים, קען אקטיוויזירן די מח'ס הנאה קעמערלעך גענוי ווי ווען איר עסט א גוט שטיקל טשאקאלאד. נא, גיימער הערן אביסל מוזיק?...

## נאנטקייט און רילעישנשיפ

**אויגן-קאנטאקט בויט א קשר.** בלויז דרייסיג סעקונדעס פון ריכטיגע אויגן-קאנטאקט (eye contact) קען באפרייען א געוויסע הארמאן מיטן נאמען אָקסיטוסין (oxytocin), וואס דער הארמאן ברענגט א טיפע טראסט און קשר. קומענדיגע מאל איר רעדט מיט מיט איינעם וועם איר האט ליב, שטעלט זיך אפ א מינוט און טוט קאנטאקטירן מיט אייערע אויגן, און לייגט צו קאפ ווי גוט און טיף דאס פילט. אה, א מחי'...

**איינזאמקייט איז אזוי שעדליך ווי רייכערן.** א כראנישע סאציאלע איינזאמקייט טוט ארויפברענגען די סכנה פון שטארבן פריצייטיג, גענוי ווי רייכערן 15 ציגארעטלעך א טאג!. בלייבט נישט איינזאם — נעם א מינוט און טראכט אויב איז דא איינער צו וועם דו קענסט זיך היינט פארבינדן, אפילו געציילטע מינוטן.

## די שטארקע כח פון א גוט הארץ

**העלפן אנדערע טוט פארבעסערן אייער מוט און פארגרינגערט ווייטאג.** ווען איר טוט פעולות פון גוטהארציגקייט און זיין שיין צו אנדערע, טוט דאס באפרייען ענדארפינס (endorphins) [דאס איז א געוויסע כעמישע באשטאנדטייל אינעם מח וואס פארמאגט א גרויסע ראלע אין די הנאה'ס וואס א מענטש האט], וואס טוט אקטיוויזירן די זעלבע גוטע פילינגס אינעם מח ווי ווען איר באקומט א מתנה, און דאס קען ווירקליך פארגרינגערן פיזישע ווייטאג. דאס באדייט אז טראץ וואס עס קוקט אויס ווי איר זענט א נותן, זענט איר גלייכצייטיג אויך א מקבל. נא, לאמיר עס טון למעשה – זוך אויף איין קליינע גוטהארציגע אקט וואס דו קענסט היינט טון מיט אנדערע; א שמייכל, א גוט ווארט, א שיינע מעסעדזש אדער אביסל פיזישע הילף.

**דיין אינערליכע קול טוט דיר אויספארעמען.** ווען דו רעדסט צו דיך אליינס שיין און פאזיטיוו אנשטאט זיך צו קריטיקירן, טוט דאס נידערן סטרעס און אויפבויען אינערליכע שטארקייט. טראכט אריין א מינוט – וויאזוי וואלט דאס געפילט ווען דו רעדסט צו זיך די זעלבע שיינע ווערטער ווי דו וואלטסט בארואיגט א גוטער חבר?...

## טעגליכע געזונטע פעולות

**נאטור בארואיגט דעם נפש.** פארברענגען בלויז צוואנציג מינוט א טאג אין גרינע נאטורליכע פלעצער, קען רעדוצירן קארטיזאל (cortisol) – די סטרעס הארמאן – און פארגרינגערן ענקזייעטי. נעמט עס יעצט אויף למעשה – פרוביר צו ארויסגיין היינט פאר א צוואנציג מינוטיגע שפאציר, אפילו נאר ארום דיין גאס!

**טיפע אטעמען טוישט כעמיסטרי (chemistry).** שטייטע און טיפע אטעמען, טוט אקטיוויזירן די וואגוס נערוו, עס נידערט די הארץ ראטע און טוט בארואיגן די גאנצע נערוון סיסטעם.

**אראפשרייבן זארגן ארבעט ווירקליך.** דאס שרייבן אין א טאג בוך (אדער אויף סיי וועלכע צעטל...) פאר בלויז צען מינוט א טאג קען רעדוצירן ענקזייעטי און פארבעסערן די שלאף קוואליטעט. לאמיר טון למעשה – פרובירט היינט נאכט אראפצושרייבן כאטש איין מחשבה וואס איר האט, און זעט דערנאך אויב אייער שלאף פילט גרינגער און געשמאקער.

**לאכן איז א מעדעצין.** א גוטע לאַך טוט אויפוועקן ענדארפינס (endorphins), עס באפרייט סטרעס און טוישט דעם מענטש'נס מוט אויפן פלאץ.

**טאג ליכטיגקייט אין א קריג מיט טרויערדיגקייט.** דאס זיין ארויסגעשטעלט צו נאטורליכע ליכטיגקייט טוט פארשטערקערן די סעראטאנין (serotonin) און

# פיזיש אדער גייסטיש?

## ליינט וויאזוי אונזערע פיזישע טאג טעגליכע פעולות טוט אפעקטירן אונזער גייסטישן געזונט, און וויאזוי פילע קליינע פיזישע מעשים קענען מאכן א גרויסע טויש אין אונזער מח



אונזער גוף, ביינאזאם מיטן נפש און דער מח, זענען פיל מיט וואונדערליכע סורפרייזעס.

סייענטיסטן האלטן אינאיין אויסטרעפן נייע וועגן, וואו אונזערע טעגליכע אויסוואלן טוט אויספארעמען די וועג וויאזוי אונז טראכטן, פילן און קאנעקטן זיך.

מען רעדט דא פון פילע קליינליכע פעולות וואס א מענטש טוט דורכאויס דעם טאג, וואס טוט אפעקטירן זיין עמאציאנאלער מצב. דאס נעמט אויך אריין פשוט'ע פעולות, א שטייגער ווי עסן און שלאפן, און נאך טעגליכע זאכן וואס מיר טוען, צי אפילו בלויז זיין אויסגעשטעלט צו די זון שטראלן, וואס אויב ווייסט מען דערפון און מען טוט דאס אויפן ריכטיגן וועג, דאן קען אונז דאס אסאך ארויסהעלפן אין אונזער עמאציאנאלע רייזע.

פאלגענד טוען מיר אייך ברענגען עטליכע פון די דאזיגע פאקטן, וואס קען אייך באאיינדרוקן אנצוקוקן אייער געזונט מיט אביסל אן אנדערע בליק. ליינט עס דורך מיט א רואיגקייט און ישוב הדעת, און פרובירט דאס צו נעמען אויף למעשה, צו זען וועלכע זאכן פעלט אייך דאס מערסטע אויס און וועלכע פעולה איר קענט

פארשטענדליך נישט אריינגיין דא אין אלע טעראפּי סעסיעס און וויאזוי פּינקטליך עס האט מיר געהאלפן, אבער איך וועל עס בלויז אראפּלייגן אין קורצן, כדי מענטשן וואס זענען נאך אינעם פּראבלעם זאלן פארשטיין אז עס איז דא א וועג פאר זיי, א וועג וואס איז טאקע אביסל שווער אין אנפאנג, אבער איינמאל מען הייבט אן דארט צו שפּרייזן עפּנט זיך א נייע אור וואס מען קען שיעור פארבלענדעט ווערן פון די שטארקע ליכטיגקייט.

די ערשטע פאר סעסיעס איז געווען קאנצענטרירט מער איבער די טאג טעגליכע דרוקענישן, ווי די ארבעט, משפּחה, נעמען אחריות או"וו, אבער ווי טיפער אריין אינעם טעראפּי האבן זיך די נושאים געטוישט און מען איז אריין טיפער אין זאכן. עס זענען געקומען צו גיין אזעלכע שאלות ווי: וואס מיינט דאס זיין שטארק? ווען האסטו באשלאסן צו באהאלטן די ווייטאג אינעווייניג? וואס מיינט 'זיין גוט צו זיך'? און נאך.

דאס אלעס האט אנגעהויבן אריינצוגראבן טיף אינעווייניג פון מיין נפש, איך האב אנגעפאנגען צו באגרייפן וויפיל איך האב ביז היינט אוועקגעשטופּט אין די זייט, ווי ווייט איך האב נישט געגעבן קיין שום פלאץ פאר מיינע געפילן, אנגעהויבן מיט טרויעריגע געפילן ווי שרעק, איינזאמקייט וכו' וכו' אבער עס איז אויך געגאנגען צו פרייליכע שמחה'דיגע געפילן וואס האבן נישט באקומען זייער מקום וואו ארויסצוקומען. די סעסיעס האבן געדינט ווי א צייט וואו מען שטעלט זיך אפּ אביסל פון די געווענליכע געלויף, מען פארשטייט וואס טוט זיך אינעווייניג, און מען נעמט מיט חומר פאר די גאנצע וואך.

## מען קומט איבער שטרויכלונגען דורכאויס די רייזע

איך גיי דא נישט באגראבן די קאפּ אין זאמד און זאגן אז אלעס איז די גאנצע צייט געפארן גלאטיג און אלעס האט געשיינט און געגלאנצט. עס זענען געווען שווערע מינוטן, עס זענען געווען פעלער ווען איך האב געקלערט אז איך געב אויף. אבער איך האב זיך בעז"ה שטענדיג צוריקגעכאפּט און צוריק אויפן גוטע וועג, און ווי ווייטער אריין אין די רייזע האב איך ווייניגער געהאט די שווערע צייטן, ווייל איך האב געזען וויאזוי זאכן טוישן זיך צום גוטן, און איך האב געוואוסט אז איך דארף נאר אביסל געדולד ורפואה קרובה לבוא.

איך האב אנגעהויבן ווערן א רואיגערער מענטש, מער געדולדיג, מער צייט פאר די משפּחה, מער אפעקטיוו ביי די ארבעט, און אויך נענטער צום באשעפער.

און ווען איך בין נישט געווען אין א גוטע מצב האב איך עס געוואוסט און געזאגט! די ווערטער 'היינט איז געווען א שווערע טאג' וואס האט אמאל נישט עקזיסטירט אין מיין ווערטער-בוך האב איך אנגעהויבן צו נוצן ווען אימער דאס איז געווען די מציאות. אויב פלעג איך אמאל מיינען אז דאס זאגן אז אלעס איז גוט און זיין פארמאכט אין מיר שטעלט מיר אוועק אלץ א 'שטארקער מענטש', האב איך אנערקענט אז דאס איז בכלל נישט די מציאות, פארקערט גאר; אז מען ווייסט וואס עס באדערט און מען אנערקענט וואספארא שוועריגקייט איך האב יעצט, דאס מאכט מיר פאר א שטארקער מענטש.

> **אז מען ווייסט וואס עס באדערט און מען אנערקענט וואספארא שוועריגקייט איך האב יעצט, דאס מאכט מיר פאר א שטארקער מענטש**

## די רייזע זעצט פאר

טייערע ליינער, איך האלט נאכאלץ אינמיטן די רייזע, ס'מאכט זיך נאך שווערע טעג און איך בין נאך נישט אינגאנצן געהאלפן. אבער - און דאס איז די וויכטיגסטע - היינט צוטאגס ווען איך האב שוועריגקייטן נעם איך עס אנדערש אן און איך ווייס וויאזוי זיך צו ספּראווען דערמיט! איך האב רחמנות אויף מיר, איך אנערקען אין די שוועריגקייט, און דערנאך איז אסאך גרינגער ארויסצוקריכן דערפון בס"ד. ווען איך קוק צוריק צו יענעם שבת, ווייס איך אז יענץ איז געווען די טאג וואס עס איז געווען מיין פערזענליכע תחיית המתים, דארטן איז איינגעפלאנצט געווארן די קערנדל צו מיין פערזענליכע בוים - האדם עץ השדה - וועלכע האלט אצינד אינמיטן שפּראצן און בליען אויף די לענג און די ברייט.

**צום שלוס וועל איך ענדיגן מיט דעם וואס איך האב אנגעהויבן: אויב ביסטו טייערער איד/אידענע אין אזא מצב אז איר ליידט אינעווייניג פון יסורי הנפש און איר האלט עס ביי זיך באהאלטן, זייט וויסן אז עס איז דא שטיצע! עס איז פארהאן הילף! און עס ווארט אייך א גלענצנדן עתיד בס"ד!**

**געדענקט: בעטן פאר הילף מאכט נישט א מענטש שוואך, עס מאכט אים גאנץ!**

אויסגעשווענקט און פרישע ווארעמע געפילן פארפלייצן מיין מיטגעמאכטע נשמה.

## עכטע שטארקייט באדייט נישט אז מ'האלט אלעס אינעווייניג!

לאמיר אצינד אריבערשפרינגען צו מוצאי שבת, וואו דארטן איז געשען די עיקר דורכברוך, דעמאלט איז געווען די מינוט וואס האט געטוישט - און האלט נאך אינמיטן טוישן - מיין לעבן אויף אייביג.

ביים מלוה מלכה האט איינער פון די רעדנערס - וועלכער איז געבענטשט מיט א שטארקע לשון לימודים און א שטארקער פארשטייער צו א מענטשנ'ס נפש - אויפגעטרויטן מיט א דרשה וואס האט מיר צונומען אדורך-און-אדורך און דורכגעשניטן מיינע אלע שלייערס ביזן זיבעטן ריפ אריין.

"אסאך פון ענק," האט ער דאן געזאגט, "טראגן מיט זיך באהאלטענע ווייטאג שוין פאר יארן. יא יא, אינדרויסן שמייכלען ענק, ענק גייען אן ווי כאילו גארנישט וואלט פאסירט. אבער אינעווייניג, דארט וואו נאר איר אליינס האט צוטריט, קענטס עטס שווער שלעפן דעם שווערן לאסט. טייערע אידן! עכטע שטארקייט באדייט נישט אז מען שוויגט און מען האלט אלעס פארמאכט אינעווייניג. עכטע שטארקייט מיינט אז מען טיילט מיט מיט אנדערע, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, מען לאזט זיך העלפן, דאס מיינט שטארק!"

וואס זאל איך ענק זאגן, איך האב געדארפט ארבעטן שווער אז די ארומיגע זאלן נישט זען די מאס פון טרערן וואס מיינע אויגן האבן דאן באפרייט, איך האב זיך נישט געקענט בארואיגן פון די ווערטער וואס זענען געווען אזוי צום פינטל. איך בין געווען זיכער אז ער מיינט דא מיר פערזענליך, ער זאגט דאך גענוי וואס איך פיל.

אבער דא איז געווען מיין טיר צום ישועה, טרינקענדיג דעם חמין במוצאי שבת קאווע נאכן דרשה האב איך געוואוסט ביי מיר אז דאס וואס איז געווען וועט מער נישט זיין, עס איז א פארגאנגענהייט: איך. גיי. גיין. זוכן. הילף. בס"ד.

## איך האב אלעס אויסגעפאקט

ווען מען האט געענדיגט דעם מלוה מלכה האב איך באמערקט אין א שטילע מינוט דעם בעל דרשן, כ'האב גענומען די קוראזש וואס איך האב דורכאויס דעם שבת אנגעזאמלט און צוגעגאנגען צו אים.

כ'האב אנגעהויבן מיט די פארמאלע "ש'כח כ'האב זייער הנאה געהאט", טאפנדיג די פולס צו זען אויב ער איז איינער צו וועם איך קען מיך עפענען. זעענדיג אז ער איז צוגעלאזן און פארשטענדליך האב איך אביסל פארברייטערט די שמועס מיט אים, ווען ביז עטליכע מינוט האב איך אים שוין מיטגעטיילט אויפן שפיץ גאפל מיינע פראבלעמען. דאן האט ער מיר פארציילט אז ער דינט אלץ טעראפיסט ביי ביקור חולים, און ער האט מיר מציע געווען אז איך זאל זיך צו זיי ווענדן, זייענדיג די פיאנערן ווען עס קומט צו גייסטישע געזונט, און מיר פארשפראכן אז זיי וועלן שטיין צו מיין זייט מיט א מורא'דיגע געטריישאפט.

איך וועל נישט זאגן אז איך בין גלייך געלאפן צו זיי, ווי-נישט-ווי האב איך נאך מורא געהאט; וואס?! איך זאל גיין צו ביקור חולים?! מען וועט דאך מיינען אז איך בין ח"ו א ....., אבער נאך אפאר טעג פון איבערטראכטן דעם שבת און זיך דערמאנען פון די אלע דרשות און בפרט די אויבנדערמאנטע מלוה מלכה שמועס און מיין פריוואטע שמועס דערנאך, האב איך באשלאסן אז יעצט איז די צייט! איך גיי עס טון פאר מיר, איך גיי עס טון פאר מיין ווייב און פאר מיינע קינדער.

ביז א קורצע צייט האב איך זיך געטראפן זיצן פארנט פון הר"ר בנציון ריגער הי"ו. ביים אריינקומען האבן מיר הענט און פיס געציטערט, איך בין געווען צושאקלט עד עמקי נשמתי. אבער ווי נאר איך האב מיך אראפגעזעצט קעגן ר' בנציונ'ס ווארימע שמייכל און מיטפילנדע בליקן האט ער מיר געזאגט: "פארצייל וואס גייט פאר. דא קוקט מען ח"ו קיינעם נישט אראפ און אלעס וואס ווערט דא פארציילט בלייבט צווישן די פיר ווענט, גארנישט טרעט נישט אריבער די שוועל פון דעם צימער." און... איך האב מיך געעפנט פאר אים אינגאנצן, עס האט גענומען א שיינע פאר מינוט ביז איך האב געקענט רעדן געהעריג, אבער ווען דאס איז געקומען האב איך אלעס אויסגעפאקט דארטן, גארנישט האב איך נישט באהאלטן, ווען די גאנצע צייט הערט מיר ר' בנציון אויס אן צו שטערן אינמיטן, מיט א מיטגעפיל וואס לאזט זיך גארנישט שילדערן.

ענדיגנדיג האב איך געשפירט אז ר' בנציון פארשטייט מיר הונדערט פראצענט, און ער האט מיר צוגעזאגט צו טרעפן די ריכטיגע הילף פאר מיין מצב. איך בין ארויס פון יענעם צימער מיט א געוואלדיגע גרינגקייט און רואיגקייט, פילנדיג אז איך האב איינער וואס 'נעמט קעיר' פון מיר.

> **איך בין ארויס פון יענעם צימער מיט א געוואלדיגע גרינגקייט און רואיגקייט**

## די רייזע פאנגט זיך אן

עטליכע טעג דערנאך האב איך אנגעהויבן טעראפי. איך וועל ווי

דערשראקן און נישט באקוועם צו זיין צווישן עולם האב איך זיך געזעצט אינעם הינטערשטן שורה. כ'האב צוגעגרייט א סידור און גענומען א חומש אין וואס איך האב מעביר סדרה געווען ווילאנג דער עולם איז צוביסלעך אנגעקומען אין שול, אזוי האב איך געקענט האלטן מיינע אויגן צוגענאגלט אינעם חומש...

די דאווענען איז געווען דערהויבן. מיט א הארציגער חזן און געשמאקער בעל תפילה האט דאס געדינט אביסל זיך צו 'קענעקטן' צו העכערס און 'דיסקאנעקטן' פון אלע וואכעדיגע פלאגעניש. ביי בואו בשלום איז געווען אפאר שרעקעדיגע סעקונדעס, ווען איך האב מיך פלוצלינג געכאפט אז איך שטיי דא אויבן-אן און אלע בליקן זענען געווענדן צו מיר... אבער בס"ד האב איך זיך שנעל אריענטירט און צוריק אריינגעשווימען אינעם דאווענען.

## אהבה טרערן האבן זיך געגאסן

נאכן ענדיגן דאווענען איז מען געגאנגען צום עס-זאל, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודת שבת מיט כל מיני מטעמים. צום ערשט האב איך זיך אויך אויפגעזוכט א 'קארנער' אינעם עס-זאל וואו זיך צו באהאלטן, זיך פילנדיג ווי איינער וואס האט בטעות אריינגעוואנדערט ביי די נישט ריכטיגע שמחה.. לאמיר מסביר זיין בקיצור פאר דער וואס פארשטייט עס נישט; אלע יארן האב איך געציטערט פון די מענטשהייט, ביי יעדע מעמד אין ביהמ"ד האב איך געזוכט די ווייטסטע ווינקל, ביי סיי וועלכע שמחה בין איך געווען נערוועז פון די פילע מענטשן וואס כ'וועל אנטרעפן און אזוי איז מיר די גאנצע לעבן געפארן אויף דעם גאנג, ווען די 'מה יאמרו הבריות' (פיע"ר פרעשער"ר בלע"ז) האט מיר באגלייט אויף טריט און שריט.

אבער ברוך וועלכער האט מיר געטראפן זיצן אין ווינקל האט מיר איינגעלאדנט צו זיצן נעבן אים האב איך זיך געבראכן און געקומען צום צענטער פונעם זאל.

די שלום עליכם און רבון העולמים האט געגעבן נאך עפעס א קיצל פאר מיין פארוויינטאגטע נפש. כ'האב מיך געטראפן מיט צוגעמאכטע אויגן, צום ערשט ווייל כ'האב נישט געוואלט זען קיינעם, אבער איינמאל ס'איז געווען פארמאכט האב איך מיך געטראפן מיט טרערן-רינענדע אויגן, פילנדיג א קרבת אלוקים וואס כ'האב שוין יארן נישט געשפירט. איי, דער 'וזכינו לקבל שבתות מתוך רוב שמחה', דער 'והסר ממני.. כל מיני חולי וכל מיני מדוה' האט מיר געקאסט אסאך דמעות, אבער דערנאך האב איך זיך געשפירט אויסגעוואשן און מיט א פרישקייט וואס איז שווער פארצושטעלן.

מען האט געמאכט קידוש, זיך געוואשן און געגעסן. די ערשטע האלבע סעודה איז אריבער פיין, אנהייבנדיג אנצוקניפן א שטיקעלע קשר מיט מיינע שכנים, שמועסנדיג על דא ועל הא.

## א פרישע געפיל פון התחברות

דאן איז געקומען אן איבערראשונג. האלטנדיג נאך די זופ געבט זיך דער בעל דרשן א רוף אן: "רבותי, לאמיר ענק שטעלן א טשעלענדזש; יעדער איינער זאל זיך אויפשטעלן פון פלאץ און זיך זעצן נעבן איינעם וואס ער קען נישט, און מען זאל זיך אויסטוישן איינער מיטן צווייטן א שיינע מעשה, א טרעפליך ווארט וכדו'." די ערשטע סעקונדע האב איך געפילט ווי איך ווער פארפרוירן אויפן ארט; קוים קוים כ'האב זיך שוין טעוואס באקוועם געמאכט און שוין קומט מען מיר טשעלענדזשן... אבער דאן האב איך זיך דערמאנט פון ברוכ'ס באנק-שמועס, 'זיי אפן זיך צו לאזן העלפן' האבן זיינע ווערטער געקלינגען אין מיינע אויערן, און כ'האב באשלאסן מיטצוארבעטן.

כ'האב זיך געזעצט נעבן אן אומבאקאנטן און יענער האט פארציילט א שיינע מעשה פונעם בעשטה"ק. איך האב אים צוריק מיטגעטיילט א פערזענליכע השגחה פרטית וואס כ'האב געהאט א קורצע צייט בעפאר, און אזוי האבן מיר געעפנט א לייכטע שמועס. דער שמועס איז נישט טיף געווען, אבער עס איז געווען אמת'דיג! דאס האט מיר געגעבן א געפיל וואס כ'האב שוין א לאנגע צייט נישט געהאט: מחובר! כ'האב געפילט ווי איך באלאנג ערגעץ, איך בין א מענטש צווישן מענטשן.

> **עכטע שטארקייט באדייט נישט אז מען שווייגט און מען האלט אלעס פארמאכט אינעווייניג**

איך וויל אייך דא נישט באלמוטשענען טייערע לייענער מיט די גאנצע סדר השבת, ווייל מיין פעדער פארמאגט נישט אזויפיל טינט. אזויפיל וועל איך אייך זאגן, אז יעדע מינוט פונעם שבת איז געווען מיט א ציל און איז געווען עפעס וואס מען האט 'געפילט', עס זענען געווען מינוטן פון טשעלענדזשעס, מינוטן פון דערהויבנקייט, מינוטן פון שווערקייט, מינוטן פון פארשטענדניש, מינוטן פון פרייליכקייט אא"וו, אבער דאס איז קלאר; ווי ווייטער אריין אין שבת האב איך געפילט ווי איך ווער

צו זיין קרעדיט האט ער אבער נישט אויפגעגעבן. ער האט מיר געפרעגט איינמאל און נאכאמאל, פארשטייט זיך זייער איידל און סענסיטיוו, מיר פרובירט צו בארואיגן און מסביר געווען אז דאס וועט טאקע נישט זיין קיין גענצליכע היילונג, אבער עס וועט אן קיין ספק זיין א שטארקע אויסלופטערונג, און נאכן זיך אויסטשוכען און הערן די ריכטיגע דיבורים קען מען אנהייבן צו טון געוויסע פעולות צו קענען ברענגען א ישועה בעז"ה.

כ'האב אים די גאנצע צייט אפגעשטופט אז כ'דארף נאך טראכטן וכו'. מיטוואך נאכמיטאג רופט ער מיר אן: "שלמה, זיי פארמאכן יעצט די רעגיסטראציע – קומסט אדער נישט?" איך געדענק נישט קלאר די פינקטליכע ווערטער וואס כ'האב אים געענטפערט, אבער ס'נישט געווען קיין קאטעגארישע ניין, און אין זיינע אויגן איז עס געווען א קלארע יא.. דאנערשטאג צופרי האט ער מיר געלאזט וויסן אז ער האט מיר איינגעשריבן און מיר שטארק בארואיגט אז איך וועל הנאה האבן און אהיימקומען מיט דאזעס פון חיזוק און פרישע כוחות.

## לאמיר שוין צוריק אהיימפארן...

ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי.
פרייטאג האט מען זיך ארויסגעלאזט צום האטעל, ווען ברוך נעמט מיר מיט זיין קאר, מיר געבנדיג עטוואס א בארואיגונג אז איך בין נישט אליין דא.

אנקומענדיג אין האטעל – נאכן דורכפארן הערליכע אויגפארכאפנדע סצענעס על אם הדרך – האב איך געכאפט א פרישע פחד פון זיך געפינען ביי דעם שבת און כ'האב זיך אנגעפאנגען נישט גוט צו שפירן, אין פולן זין פון ווארט. איך האב געפילט ווי איך האלט עס נישט אויס, די קאפ האט געזעצט, די הארץ האט געבאמבעט, די אויגן האבן קוים געזען און איך האב געגעבן א טראכט צו מיר: אין וואס האב איך זיך דא אריינגעלייגט? וואס גיי איך שוין באקומען דא? איך פיל זיך נישט באקוועם צו זיין דא, לאמיר זיך שוין אויסדרייען און צוריק אהיימפארן.

ברוך האט אבער געהאלטן מיין האנט, ער האט מיר געשטארקט און מחזק געווען, און נאכן זיך אריינטשעקן האבן אונז אראפגעלייגט די פעקלעך אינעם צימער.

**דאס איז געווען א שמועס וואס האט מיר אריינגעגעבן פרישע גייסט, מיר האבן נישט גערעדט קיין ווארט איבער מיינע שוועריגקייטן**

## א שמועס צווישן גראז און הימל

פונעם צימער האט מיר ברוך גענומען פאר א קורצע שפאציר אינעם גרויסן שיינעם גארטן הינטערן האטעל. אה, די קלארע בלויע הימל, די ווייכע גרינע גראז, די שיינע הויכעביימער האט געגעבן אזא רואיגן געפיל וואס כ'האב שוין לאנג נישט געפילט.

אין א פארשטופטן ווינקל אינעם גארטן האמיר געטראפן א באנק, מיר האבן זיך אראפגעזעצט און געשמועסט. דאס איז געווען א שמועס וואס האט מיר אריינגעגעבן פרישע גייסט, מיר האבן נישט גערעדט קיין ווארט איבער מיינע שוועריגקייטן, מיר האבן בלויז גערעדט איבער די געוואלדיגע אטמאספער וואס וועט זיין ביי דעם שבת און די אויסנאמליכע געלעגנהייט אביסל צו אפלאדענען די שווערע פעקלעך און פארגעסן פון דעם פאר א קורצע צייט.

"אין לויף פונעם שבת, הער נישט צו צו די דרשות אלץ א שיינע אויפטריט מיט גוטע געדאנקען. נעם זיי אריין אין דיר, לאז זיי פרייערהייט אריין אין דיין הארץ אן קיין חשבונות. אזוי אויך זיי אפן זיך צו לאזן העלפן און אויסלופטערן, נעם עס אן גרינג און לייכט," האט ברוך געטריפט באלזאם אויף מיין אייטערדיגע נפש, און איך האב געפילט ווי עפעס אין מיין שטייפע שלייער הייבט אן זיך רירן פון פלאץ.

## מען פאנגט אן צו קאנעקטן

מיט באנייטע כוחות און א פרישע מוט בין איך זיך געגאנגען גרייטן פארן שבת קודש. כ'האב צום ערשט געכאפט א דרימל - זעענדיג אויפן זמנים צעטל אז די באטע איז ערווארטעט זיך צו אריינציען ביז די שפעטע נאכט שעות, דערנאך בין איך געגאנגען אינעם מקוה'לע וואס מ'האט דארט צוגעשטעלט און זיך מלבש געווען מיט די בגדי שבת.

מיטן שטריימל און בעקיטשע האב איך צושפאצירט צום שול, וואו איך האב געטראפן א שיינע זאל צוגערישט מיט אויסגעלייגטע טישן און בענקלעך איינס נעבן צווייטן. כ'האב גלייך אנערקענט אז דא גיי איך זיך נישט קענען איזאלירן... אבער זייענדיג היבש

# די קאשמארישע נעכט

געווען איז דאס געציילטע יאר נאך מיין חתונה, איך בין געלויבט גאט געווען פיין אוועקגעשטעלט; געהאט א פיינעם דזשאב, גוטע חברים, א ווארעמע היים און וואס נישט. אבער אין איין שיינעם (?) טאג האבן זיך די יסורים אנגעהויבן. ניין, איך רעד נישט פון פיזישע ווייטאגן, איך רעד פון גייסטישע ליידן וואס איז אסאך ערגער ווי פיזישע.

אוי, ווען איך דערמאן זיך די קאשמארישע טונקעלע נעכט, ווען איך טראכט איבער די לאנגע שעות וואס איך האב זיך געוואלגערט אין בעט, טראגנדיג די גאנצע וועלט'ס זארגן און פילנדיג ווי אט-אט גיי איך קראכן ח"ו, קומט מיר טרערן אין די אויגן. מיינע צעמישטע מחשבות זענען דאן געפארן אויף 150 מייל א שעה, נישט געבנדיג קיין געלעגנהייט זיך אפילו אפצושטעלן פאר א קורצע ווייל'ע צו נעמען אביסל גאזאלין. אנגעהויבן פון זיך זארגן אויף מיין אייגענע פרנסה און שטוב, ביזן זיך פארכטן איבער די מלחמה צווישן רוסלאנד און אוקראינע און אלעס אינצווישן האט גענעסטיגט אויף מיין שוואכע הארץ, מיין קאפ האט געזעצט העכער ווי די סירענעס פון דורכפארנדע אמבולאנסן און מיינע אקסלען האבן זיך געהאלטן ביים אונטערברעכן.

ווי אט-אט גיי איך קראכן ח"ו, קומט מיר טרערן אין די אויגן

# מיטן דיקן שלייער

בייטאג בין איך ווייטער אנגעגאנגען ווי קיינמאל גארנישט; כ'בין אויפגעשטאנען, געגאנגען אין ביהמ"ד, געשמועסט אין קאווע שטיבל, געגריסט דעם עולם מיט א שמייכל, געדאווענט, געגאנגען צום ארבעט אא"וו. אבער אינעווייניג בין איך געווען א שבר כלי. אין צוגאב צו די ביינאכט-קאשמארן, האב איך די גאנצע צייט געהאט די זארג אז קיינער טאר חלילה וחס נישט באמערקן ג-א-ר-נ-י-ש-ט אויף מיר; איך בין דאך א נארמאלער מענטש, ווי אזוי וועלן מיר מענטשן אנקוקן ווען זיי וועלן זען מיין אמת'ע מצב. איך האב געפילט ווי איך דריי זיך ארום מיט א דיקע שלייער פון קאפ ביז פיס, אכטונג געבנדיג אז גארנישט פון מיינע אינערליכע מיטמאכענישן זאל זיך נישט ארויסזען אינדרויסן אפילו א משהו.

איך האב נישט מיטגעטיילט מיין מצב מיט קיין שום באשעפעניש אויפן וועלט; נישט מיין ווייב, חברים, דיין, רב וכו'. איך האב זיך געשעמט מיט אזעלכע מחשבות און זיך געשפירט ווי א דורכפאל, אדער ווי א קליין קינד וואס קען זיך נישט באהערשן אויף זיינע געפילן. ניטאמאל האב איך געהאט אין מיין קאפ די ריכטיגע ווערטער וויאזוי דאס ארויסצוברענגען.

עס איז געקומען צו א פונקט וואס איך האב געפילט אז איך האלט דאס מער נישט אויס. איך האב נאכאלץ נישט געוואלט ארויסזאגן די פראבלעם פון מיין מויל, כ'בין נאכאלץ נישט געווען גרייט מיטצוטיילן מיין מצב מיט קיינעם, אבער איך האב מורא געהאט אז איין טאג וועט דאס פלאצן, און ווען עס וועט פלאצן וועט זיין אסאך ערגער. אט די געדאנקען זעלבסט האבן צוגעגעבן נאך א שיכט צו מיינע זארגן, און מיר געגעבן נאך שטאף פון וואס צו טראכטן אין די שרעקעדיגע נעכט...

# צוויי טעג פון חיזוק קען מיר אויסהיילן?!

און דאן האט דאס פאסירט. איין טאג קומט צו צו מיר א נאנטער חבר מיינער מיטן נאמען ברוך, וועלכער האט וויזט אויס געשמעקט אין די לעצטע צייט אז זאכן זענען מיט מיר נישט אין ארדענונג און זאגט מיר: "שלמה, אפשר קומסטו קומענדיגע וואך פאר א געשמאקע שאבאטאן אין א הערליכע רואיגע פלאץ."

אין אנפאנג האב איך נישט פארשטאנען פינקטליך צו וואו ער צילט, אבער נאכן שמועסן אפאר מינוט האט זיך ארויסגעשטעלט אז קומענדיגע וואך גייט אפגעהאלטן ווערן א היימישע שאבאטאן מיט אויסגערופענע בעלי דרשנים, מען גייט ארויספארן צו א געשמאקע שבת צוגעשטעלט אויף גאר א רייכע פארנעם, אין א זעלטן רואיגע אטמאספער, אין א לאקאציע ארומגענומען מיט שיינע פאנאראמעס, צו מחיה זיין אביסל די עצמות היבשות, און ברוך האט געהאלטן אז דאס קען מיר פערזענליך אסאך ארויסהעלפן זיך צו ספראווען מיט מיינע יסורי הנפש.

אין אנפאנג האב איך אים קאטעגאריש אפגעזאגט; וואס?! איך זאל גיין פאר א שבת מיט אנדערע אידן?! ס'נישט פאר מיר, און אויסער דעם האב איך אים גע'טענה'ט: "דו מיינסט טאקע אז צוויי טעג פון חיזוק וועט מיר אויסהיילן פון יארן פלאגענישן און דרוק?"

# מיין טעראפי רייזע

פערזענליך פארציילט דורך: שלמה וו.



## אידן גייט אייך היילן!

'צעמישט', 'פארלוירן', 'מיואש', 'אומקלארקייט', דאס זענען נישט געווען מיינע געפילן אין יענע תקופה, נאר דאס בין 'איך' געווען. ס'איז נישט אז ס'געווען א 'איך' און איך האב געפילט פארלוירן, מיין גאנצע איך איז געווען פארלוירן און צעמישט.

ס'גאנץ מעגליך אז דו – וועלכער ליינט יעצט די שורות – קענסט מיך גוט, איך שמועס אסאך מיט דיר, אבער דאס איז זיכער אז דו האסט נישט געהאט דעמאלט קיין בלאסן אנונג וואס איך גיי אלץ אדורך. לאמיר אלזא פאר אייך אראפגעבן אביסל פון מיין שווערע דורכגאנג – אויף ווי ווייט די קאלטע טינט קענען ארויסברענגען שטורעמישע געפילן, ווי אויך וועל

איך אייך מיטטיילן די ערשטע חלק פון מיין גליקליכע הילף רייזע (די פרייליכע ענדע וועל איך בעז"ה פארציילן ווען איך וועל האלטן דארטן, האפנטליך בקרוב..).

לאמיר נאר קלאר שטעלן, אז די מטרה פון דאס ארויסקומען אין די עפנטליכקייט מיט מיין געשיכטע איז בלויז איינס: אז אויב דו – יא יא, איך מיין טאקע דיר – גייסט דורך די זעלבע אדער אן ענליכע סיטואציע, זאלסטו וויסן אז ס'איז דא הילף! און יעדן טאג וואס מ'שטופט אפ דאס זיך גיין העלפן איז א שווערע פארלוסט.

טייערע אידן, ווען איך וואלט געהאט כח (און קוראזש...) וואלט איך געלאפן אין די בתי מדרשים און איך וואלט געשריגן הויעך ביים באלעמער: אידן גייט אייך היילן! עס איז נישט קיין מצוה צו ליידן!

# אינהאלט


פארווארט 2

מיין טעראפי רייזע 6

פיזיש אדער גייסטיש? 12

טעראפי קען טוישן דיין לעבן 15

א טאטע ווײנט?! 20

נאר פאר יענעם אדער אויך פאר זיך? 24

א חבר, א טעראפיסט אדער ביידע? 28

ס'איז דא הילף 33

זיי נישט צעבראכן 36

דער לייטער צו העכערקייט 40

די וואונדערליכע קעגנזייטיגע מהלך 45



# מענטעל העלט

יעדער מענטש סטראגלט מיט עפעס אין לעבן און האט זיך זיינע נסיונות. צומאל זענען די נסיונות אין קאפ – אין די מחשבות, אין אונזערע געפילן, אין אונזער אינערליכע וועלט. עס איז נישט אלץ גרינג צו רעדן דערפון, און אמאל שעמט מען זיך אפילו דערמיט, אבער דאס ברענגט פשוט ארויס אז דער באשעפער האט יעדן מענטש באשאפן אויף אן אייגנארטיגן וועג. די פּעין וואס מיר שפירן איז אמת, אפילו ווען מען קען עס נישט זען מיט די אויגן.

צומאל ווערן די שוועריגקייטן אזוי שטארק, אז עס פילט ווי דער קאפ קען עס מער נישט אויסהאלטן און גייט אט אט קראכן. דאס לעבן קען דאן אויסזען שווער און ביטער. מען קען דאן מורא האבן, אז אנדערע וועלן אונז דזשאדזשן אדער אראפקוקן. אבער נפשיות'דיגע שוועריגקייטן זענען נישט קיין בושה! גענוי ווי א מענטש קען צוברעכן א ביין און דארף אנקומען צו פּראפעסיאנאלע באהאנדלונג, דאס זעלבע איז מיטן מח, עס קען אמאל פאדערן באהאנדלונג און סופארט.

ווען איר גייט דורך א שווערע צייט, פרובירט צו אנקוקן אייער לעבן ווי א באן וואס פארט דורך א טונעל. אינעווייניג איז טונקל און קאלט, און עס קוקט אויס ווי דאס האט נישט קיין ענדע. אבער עווענטועל קומט די באן ארויס צו די ליכטיגקייט! די ווארעמקייט קערט זיך צוריק און מען זעט די שיינקייט פון די בריאה. גענוי די זעלבע קען אויסקוקן גייסטישע היילונג; דורכאויס דעם וועג איז עס טונקל און שווער, אבער מען דארף געדענקען אז מען קומט צום סוף אן צום ענדע פונעם טונעל! געדענקט: איר וועט דאס בעז"ה דורכגיין, און ווען איר וועט האלטן דערנאך, וועט איר געוואויר ווערן אז די שעצונג צום לעבן איז אסאך שטערקער ווי בעפאר, ווייל איר האט דורכגעמאכט א שווערע נסיון, און איר זענט ארויסגעקומען דערפון אסאך שטערקער און געזונטער. געדענק: **אין חכם כבעל הנסיון!**




עס קומען וועכנטליך אריין צענדליגער רופן אהין, וואו אידן גייען ארויס מיט א קלארקייט אין זייערע פארנעפלטע שווערע זמנים.

דערנאך זענען מיר געגאנגען א שטאפל ווייטער, מיטן ארויסגעבן צוויי גאר רייכע 'מענטעל העלט מאגאזינען', מיט אינטערעסאנטע און אינפארמאטיווע ארטיקלען איבער עמאציאנאלע הילף און אלעס ארום.

מתוך שבח והודי' פארן הייליגן באשעפער טוען מיר אייך אצינד אהערשטעלן דעם דריטן דזשורנאל אין אונזער סעריע. דריי איז א חזקה, און דאס שטעלט עס אהער אלץ א שטארקע וועקגעשטעלטע מאגאזין. מיר דאנקען דעם אויבערשטן וואס האט אונז באגלייט אויף טריט און שריט דאס צו קענען ארויסברענגען מן הכח אל הפועל, און העלפן אידישע קינדער אין זייערע שווערע מצבים.

אינעם דאזיגן מאגאזין איז אריינגעגאנגען הונדערטער שעות ארבעט, די גרעסטע טעראפיסטן און בעסטע שרייבער האט מען איינגעשפאנט אז עס זאל ארויסגיין א דבר נאה ומתקבל, א מאגאזין וואס זאל איבערשטייגן די פריערדיגע צוויי מיט א שמוץ אריבער, און זאל זיין אינפארמאטיוו און אינטערעסאנט, תוכנ'דיג און אויף א הויכע און רייכע קוואליטעט.

אינעם מאגאזין וועט איר באגעגענען פילע פארשידנארטיגע ארטיקלען איבער די נושא פון מענטעל העלט, וואס וועט אייך זיכער צונוץ קומען און ארויסהעלפן אין אייער לעבן.

מיר האבן אריינגעלייגט אסאך קאפ און מח אז דער מאגאזין זאל זיין א דבר השוה לכל נפש, עס זאל זיין געאייגנט פאר יעדן איינציגסטן ליינער, אפגעזען צי יענער ליידט פון עמאציאנאלע שוועריגקייטן אדער נישט, צי יענער האט נאנטע מיט נפשיות'דיגע פראבלעמען אדער נישט, און צי זיינע אישוס זענען אזעלכע וואס אפעקטירן שטארק זיין לעבן אדער עס רעדט זיך בלויז פון אביסל שווערע געפילן וואס ער ווייסט נישט וויאזוי זיך צו ספראווען דערמיט.

מיר האבן ספעציעל געברענגט א רייכע אויסוואל פון ארטיקלען, וואס יעדע איינס רירט אן אן אנדער נקודה און אן אנדערן קוק ווינקל כדי יעדער ליינער זאל קענען טרעפן תועלת אינעם מאגאזין, און מיר זענען זיכער אז איר וועט הנאה האבן דערפון.

אלזא, נעמט אייך ביטע די צייט אין די טינקעלע לאנגע ווינטער נעכט, ליינט דורך דעם מאגאזין און ווערט בארייכערט מיט פילע וויכטיגע ידיעות און עצות. גייט אדורך ארטיקל ביי ארטיקל, ליינט דאס גוט דורך און זעט וואס איר קענט ארויסנעמען דערפון הלכה למעשה פאר אייער לעבן.

דא ווילן מיר מעלדן אז דער דאזיגער מאגאזין איז נישט דאס לעצטע, און מיר פלאנירן בס"ד ממשיך צו זיין מיט די עבודת הקודש אייך צו ברענגען נוצליכע אינפארמאציע איבער מענטעל העלט. אויב האט איר א געוויסע נושא וואס איר וואלט געוואלט זען באשריבן אין די קומענדיגע אויסגאבעס אדער פאר קאמענטארן איבער די יעצטיגע אויסגאבע, ביטע שיקט אן אימעיל צו headsup@bikurcholim.co.uk אדער רופט אריין 020-8800-7575 עקסטענשאן 218 און לאזט איבער א מעסעדזש.

צום שלוס טוען מיר זיך באדאנקען פאר אלע וועלכע זענען געווען פארמישט אין דעם מאסיוון פראיעקט, וואס האט אריינגענומען פילע מענטשן יעדער אין זיין תחום, כל אחד בשמו הטוב יבורך. ספעציעל דרוקן מיר אויס אונזערע דאנק געפילן פאר די חשוב'ע טעראפיסטן **הר"ר שמואל נאה** הי"ו, **הר"ר מעכיל שפיטץ** הי"ו, **הר"ר דניאל גלאס** הי"ו און **הר"ר יצחק פאזען** הי"ו, וועלכע האבן אריינגעלייגט גאר אסאך ארבעט אינעם מאגאזין און געשריבן עטליכע פון די ארטיקלען, זאל זיי דער באשעפער באצאלן מיט אלעם גוטן.

***החותם בברכה***

*בן ציון יצחק ריגער*

headsup@bikurcholim.co.uk

דער תוכן פון די מאגאזין איז איבערגעקוקט געווארן און בהסכמת לאקאלע רבנים שליט"א.

BIKUR CHOLIM, GROUND FLOOR, 2A NORTHFIELD ROAD, LONDON N16 5RN
TEL: 020 8800 7575 EMAIL: RECEPTION@BIKURCHOLIM.CO.UK

# פארווארט

אונז שטייען אין אן אינטערעסאנטער תקופה, ווען צווי קעגנזייטיגע פאקטארן זענען צוזאמגעשטעלט צוזאמען, און פארעמען אויס א קוריאזע מציאות.

פון איין זייט איז היינט א וועלט פון 'מענטעל העלט אויפוואכונג', יעדער איז פארנומען מיט עמאציאנאלע הילף, טעראפיסטן היילן אויס קליענטן מיט מענטעל העלט שוועריגקייטן, און באזונדער פרובירט מען אראפצונעמען די סטיגמע וואס פלעגט פאר לאנגע יארן זיין ארויפגעזיגלט אויף סיי וואס אנבאלאנגט מענטעל העלט.

אבער פון צווייטן זייט שטייט מען ווייט פון אן עולם התיקון, צום גרויסן ווייטאג זענען נאך פארהאן א היבש ביסל אידן וועלכע קוקן אָן עמאציאנאלע פראבלעמען ווי עפעס וואס מאכט דעם מענטש וואס ליידט דערויף מיט א דרגא וויניגער, און דאס ברענגט צום ווייטאגליכן מציאות אז אסאך פון די מענטשן וואס פלאגן זיך דערמיט שעמען זיך צו גיין העלפן, מען האט מורא פונעם 'מה יאמרו הבריות' און מען ציטערט פון 'דעם' און 'יענעם'.

אט די קעגנזייטיגע פאקטארן, ברענגען צו א גאר אינטערעסאנטע מציאות, ווען פון איין זייט זעט מען טאקע אז אידישע קינדער גייען זיך העלפן, די טעראפיסטן זענען פיל מיט ארבעט, אבער פון צווייטן זייט זענען דא אסאך וועלכע האלטן זיך צוריק בלויז צוליב 'פיער פרעשור', און מאנכע פון די וואס גייען זיך יא העלפן וועלן דאס האלטן אין שטרענגן געהיים.

דאס איז די סיבה פארוואס מיר אין 'ביקור חולים' טוען כסדר רעדן דערפון, מיר לייגן אריין שטארקע כוחות צו ווייזן פארן עולם אז שווערע געפילן זענען נישט עפעס וואס מאכט דיר שוואכער, נפשיות'דיגע שוועריגקייטן איז נישט קיין חסרון וואס טוישט דיין פערסאנאליטי, און מענטעל העלט אישוס צייגט נישט אויף קיין שום שוואכקייט אינעם באטראפענעם. פונקט ווי יעדער פארשטייט אז ווען איינער ליידט אויף א פיזישע קרענק ווערט ער נישט דערפאר אראפגעקוקט, די זעלבע איז מיט גייסטישע קרענק, וואס איז עפעס וואס האט באטראפן דעם ליידנדער, אבער דער מענטש פאר זיך האט זיך גארנישט געטוישט.

געלויבט דעם באשעפער האבן מיר געהאט די געוואלדיגע זכי' גאר אסאך צו אויפטון אין דעם הינזיכט, מיר האבן אין די לעצטערע יארן אסאך געטוישט די דעת הקהל פון לאנדאנער אידן, צו אנערקענען און פארשטיין אז עס איז נישט קיין שום בושה זיך צו גיין העלפן ווען דער באשעפער שיקט אונטער א שוועריגקייט...

מיר האבן גאר אסאך אינוועסטירט דערין, אנגעהויבן פון די גאר סוקסעספולע 'לאמיר רעדן' קאמפיין, וואס איז געווען א מאסיווע אויפוואכונג קאמפיין אז מענטשן זאלן נישט שטופן שווערע געפילן אונטערן קארפעט, ווייל איין טאג וועט דער קארפעט זיך צערייסן און אלעס וואס ליגט דארט באהאלטן קען ח"ו עקספלאדירן אויף א שווערע פארנעם.

אזוי אויך האבן מיר געעפנט די 'מענטעל העלט עדווייס ליין', וואו סיי ווער אימער קען אריינרופן אנאנאמיס און פרעגן זיינע פראגן אנבאלאנגט מענטעל העלט און א שטאב פון גאר געניטע עקספערטן שטייען גרייט איס צו ארויסהעלפן. דער ליין האט זיך בס"ד ארויסגעשטעלט אלץ גרויס סוקסעס, און

## רבני המוסד

הרה"ג רבי **זאב פעלדמאן** שליט"א
רב ור"מ דק"ק עץ חיים
וחבר הבד"ץ דהתאחדות קהילות החרדים

הרה"ג רבי **משה מנחם ווייס** שליט"א
רב ור"מ דקהל יטב לב דסאטמאר

הרה"ג רבי **שלמה דוד קליין** שליט"א
דומ"ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא

## חברי ועוד המוסד

הר"ר **יושע חיים גריססגאט** שליט"א

הר"ר **שלום יצחק שערה** שליט"א

הר"ר **אהרן אויבערלאנדער** שליט"א

הר"ר **משה גראסקאפף** שליט"א

הר"ר **שלמה ראנד** שליט"א

ביקור חולים
ד'סאטמאר לאנדאן

בס"ד

# נפשותינו

היימישער אויסגאבע צו ברענגען א "מענטל-העלט" אויפוואַכונג



## ווען דער מח רעדט

א בליק אריין
אין עמאָציאָנעלער
געזונט און
שטאַרקייט

ביקור חולים
ד'סאטמאר לאנדאן

גליון ג' // שבט תשפ"ו לפ"ק